STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01621

# MIRL

## Iehoshua Perle

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Ovid Jacob & Gitta Salomon*
*in memory of*
*Shmuel Ben Yesha'yahu Greenwald*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יהושע פערלע

# מירל

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ
וואַרשע, 1926

הילע געצייכנט י. טיקאָטשינסקי
געדרוקט ביי שיקאָרא און מילנער
וואַרשע, נאָוואָליפּקי 6.

J. Perle / MIREL
WYDAWNICTWO CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. Sikora i Milner
Warsawa, Nowolipki 6.

שרה׳ז.

# I.

דאָס געשפּרעך האָט זיך אין מיטן איבערגעריסן. ס'האָט אויסגעזען, אַזוי ווי בּיידע וואָלטן וואַרטן — עמיצער זאָל קומען און אויפוועקן די שטילקייט. מירלען, אָבּער, האָט זיך נישט געוואָלט לאַנג שווייגן און זי האָט פּלוצלינג אַ לאַך־אַרויס געטון. אין דער געל־קרענקלעכער בּלאַסקייט, וואָס דער פאַרנאַכט האָט צעגאָסען איבּערן צימער, האָט זיך דאָס דאָזיקע געלעכטער אָפּגערופן מיט אַ פרעמדער און פאַרשייטער קאַלטקייט.

דער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן בּיים טיש האַלבּ פאַרהילט אין שאָטן, האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז מירל האָט זיך דערמאָנט אָן אַ גרויס נאַרישקייט. וואָרום דאָס געלעכטער איז געווען בּלייך און האָט נישט געהאַט אין זיך די זאַפטיקע ווייכקייט, מיט וועלכער מירלס לאַכן איז תמיד פול געווען. ער האָט געשמייכלט אין די וואָנסעס אַריין און שטאַרק חשק געהאַט איר צו זאָגן, אַז אַ נאַר לאַכט דריי מאָל. נאָר דער שטילער דרך־ארץ, וואָס ער האָט פון אַ געוויסער צייט אָן געפילט צו מירלען, האָט אים אָפּגעהאַלטן און ער האָט נאָר גאַנץ רויק און שטיל געפרעגט:

— וואָס לאַכט איר אַזוי, מירל?

— איך לאַך פון אייך, — האָט מירל הויך אָפּגעענטפערט און אין דער שאָטנדיקער גרויקייט געזוכט ראַפאַלס פּנים.

— פון מיר טאַקע? — האָט ראַפאַל מיט אַ דינעם שמייכל אַרויסגעלאָזט אַ שנירל רויך פון מויל.

— ס'הייסט, נישט פון אייך גופא, נאָר פון אַלע.

— פון אונז מאַנסלייט, ווילט איר זאָגן?

— פון אייך מאַנסלייט.

— אַזוי לעכערלעך זענען מיר?

— שרעקלעך! איר קאָנט אייך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי קאָמיש איר זעט אויס, ווען איר קומט אין באַרירונג מיט אַ פרוי, וואָס האָט פאַר אייך עפּעס אַ ווערט.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן, פרוי אָלטוסקאַ?

— איך מיין, אַז קיינער פון אייך קען נישט זיך אַליין.

— ס'איז אַפילו נישט שטאַרק אַנגענעם צו הערן אַזעלכע זיסע רייד פון אַזאַ ווייבל, ווי איר זענט, פונדעסטוועגן טוט מיר אַ הנאה, וואָס איך וועד פון אייך עפּעס געוואָר.

מירל האָט זיך ווידער צעלאַכט, נאָר דאָסמאָל מיט דער גאַנצער פולקייט פון איר ווייכער, ריינער שטים.

— זעט איר שוין — האָט זי קאָקעטיש געוואָרנט מיט אַ פינגער — איך האָב פון תמיד אָן געוווּסט, אַז איר, הער דיכטער, האַלט מיך פאַר אַ נאַרישע און לייכטזיניקע. פונדעסטוועגן קאָן איך אַמאָל אונטערלאַכן פון אייך און פון סטודענט אַזשעך און אַפילו... פון מיין אייגענעם מאַן.

— פון אייגענעם מאַן — האָט ראַפאַל אונטערגעכאַפּט — לאַכן, דוכט זיך, אַלע יונגע ווייבלעך.

— איר האָט אַ טעות — האָט מירל געלאַסן און מיט אַ ניגון געצויגן — ד אָ ס זאָגט איר נאָר אַזוי. מיר, פרויען, שטאָל־צירן אַ סך מאָל מיט אונזערע מענער.

— כ'פאַרגין עס אייך פון גאַנצן הארצן — האָט זיך ראַ־פאַל אויפגעשטעלט פון טיש און מיט געציילטע טריט צוגעגאַנגען צום פענסטער.

מירל, וואָס איז אַ גאַנצע צייט געווען פאַרוקט אין אַ ווינקל פון איר קליינער אַטלאַסענער סאָפע, האָט זיך גלייך־געזעצט, פאַרנומען די הענט אונטערן קאָפּ און מיט האַלב־צוגע־

מרוזשעטע אויגן נאָכגעקוקט ראַפאַלן פון אַ זייט.

ס'איז צוגעפאַלן אַ קורצע שטילקייט. דורכן אָפענעם פענסטער האָט זיך געצויגן אַ פייכטער אָטעם פון צייטיקע עפּל, אויסגעמישט מיטן ריח פון בלעטער און איבערגעוואַקסענע בלו־מען. אַמאָל איז געקומען צו שווימען אַ שפּילעדיק ווינטל און געטראָגן אין זיך די רייפקייט פון קליינע וואָלקנדלעך, וואָס צע־לייגן זיך ערגעץ אויפן ראַנד הימל און זאָגן אָן, אַז ביינאַכט וועט אויספאַלן אַ רעגן. אַמאָל איז געבליבן הענגען אַן אָפּגע־ריסענער שמועס, וואָס האָט זיך דערהויבן פון גאַס, און אַמאָל — אַ ווייך ציטערן פון גומענע רעדער, וואָס האָבן זיך גיך געוויקלט איבערן הילצערנעם ברוק.

— אויסטערלישע מענטשן זענט איר עפּעס — האָט מירל די ערשטע איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— וואָס הייסט ביי אייך אויסטערלישע? — האָט ראַפאַל זיך אויסגעדרייט פון פענסטער און לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום ווינקל, ווו מירל איז געזעסן.

— דאָס הייסט, אַז יעדער איינציקער פון אייך איז אומ־באַהאָלפן אויף אַן אַנדערן אופן.

— אַ שטייגער?

— אַ שטייגער דער סטודענט אַזשעך: קומט צו גיין — זיצט ער אָפּ אַ גאַנצע צייט, ווי ס'וואָלט אים עפּעס ווי געטון. ער קאָן זיך גאָר קיין אָרט נישט געפונען. רעדט האַלבע ווערטער, אָדער דרייט און קנוילט דאָס היטל צווישן די הענט און זעט אויס עפּעס אַזוי אָרים און נאַריש, אַז ס'ווילט זיך מיר קייכן פון לאַכן.

— איר זענט איבערגעשפּיצט.

— אפשר. נאָר איך האָב אַ שרעקלעך פאַרגעניגן, ווען איר בלייבט אומבאַהאָלפן און הינטערשטעליק מיט אייער גאַנצער קלוגשאַפט.

ראַפאַל האָט אַ בויג געטון מיטן קאָפּ, אַזוי, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט, אָדער נישט פאַרשטאַנען.

— און איך האָב גאָרנישט געוווּסט — האָט ער זיך נאָך

אַ ווײַלע שווײַגן אָנגערופֿן — אַז איר קאָנט אַזוי יענעם נאָכ־קוקן און אַרויסנעמען ד אָ ס, וואָס עס טויג נאָר פֿאַר אײַך.

— אַזעלכע האַלט מען פֿאַר קלוגע — האָט זיך מירל, וואַרפֿנדיק מיט אַ פֿוס, געוויגט אויף דער סאָפֿע — אַפֿילו אײן אײַך זע איך אויך אַזוינס, וואָס איר זעט נישט.

— נו, לאָמיר הערן.

— איר וועט נישט בייז זײַן? — האָט זי אַביסל פֿאַר־בויגן דעם קאָפּ און מיט אמת־ווײַבלעכן נײַגיר געצויגן די ווערטער.

— נישט בייז זײַן — האָט ער איר נאָכגעצויגן.

— איר... איר זענט אַביסעלע אָנגעבלאָזן. איר האָט אַ קלײן ביסעלע טענות צו דער וועלט און אַ קלײן ביסעלע ווייסט איר נישט פֿאַרוואָס. איר קאָנט, נאָר איר ווילט אײַך אַלײן נישט נאָכגעבן. דער עיקר — איר זענט... איר זענט אַן עקשן. נישט אמת, ראַפֿאַל?

— איך ווייס? אפֿשר יאָ. און אײַער מאַן? — האָט ער גיך צוגעגעבן און געפּילט, אַז ער האָט געטון אַ נאַרישקייט.

— מײַן מאַן? אַ ווילער מאַן. נאָר ער איז נישט ער.

— כ׳פֿאַרשטיי נישט.

— אַ קלײן ביסעלע שכּור. אַז איך וויל, קאָן ער אויף טאָג זאָגן נאַכט און אויף נאַכט — טאָג. איך האָב נישט ליב אַזעלכע.

— איר האָט נישט ליב אײַער מאַן?

— איר ווילט דווקא וויסן?

— דווקא—נישט. נאָר יעדער מענטש איז אַ קלײן ביסעלע נײַגעריק. כ׳האָב אײַך פֿאַרשטאַנען?

— איר אָנגעבלאָזענער!.. דוכט זיך, אַזוי אַרט אײַך גאָר־נישט, נאָר יעדער מענטש איז אַ קלײן ביסעלע נײַגעריק. אַ קלײן ביסעלע, אויפֿן שפּיץ מעסער.

— פּרווי אָלטוסקאַ!..

— ס׳מאַכט נישט, איר ווילט דאָך וויסן. אפֿשר וועל

איך אײך אַמאָל זאָגן און אפשר טאַקע קײנמאָל נישט. װי ס׳װעט מיר געפעלן.

ראַפאַל האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און מער נישט גע־פרעגט. ער האָט זיך געפילט קלײן און געפּלעפּט. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט געפרעגט צו שאַרף און צו הויך. אין מירל, װײזט אויס, האָט זיך פאַרשטאַנען דערויף. ס׳האָט אים װי געטון איר קאַלטער טאָן און דאָס שפּילן זיך מיט די װערטער. אין דער מינוט, האָט ער געפילט, איז זי אים איבערגעװאַקסן און האָט הנאה פון רײצן זיך מיט אים. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צוצושאַרן זיך צו איר שטיל, אַזױ װי אַ קאַץ, און אײנ־רוימען איר אויפן אויער, אַז יאָרן זענען נישט מער, װי שאָטנס: אַמאָל ליכטיקע און אַמאָל טונקעלע. אַז ס׳װעט קומען אַמאָל אַ פרײ־מאָרגן, נישט צו װיסן פון װאַנען און װי אַזױ, װען אַרום איר קלײן־געשניטן מויל װעלן זיך צעלײגן די ערשטע דינע פעדימלעך פון ערנסט און פאַרזאָרגטקײט. אַז די אויגן, װאָס קאָנען הײנט אַזױ פרײדיק לאַכן, װעלן פאַרלירן זײער לעבעדיקע ליכטיקײט און אַ מידע פאַרחלשטקײט װעט זיך צעגיסן אין די רונדיק־צאַפּל־דיקע גלידער, װאָס אָטעמען מיט אַזױ פיל רײץ און גליק.

ער האָט דאָס אַלץ געװאָלט זאָגן, נאָר געבליבן איז עס בײ אים אין האַרצן. װײל מירל איז געװען יונג און שײן. װײל זי האָט געהערט צו יענע דערװאַקסענע קינדער, װאָס קאָנען נישט קלערן, און װאָס האָבן ליב געזאַנג און געלעכטער. ער האָט נישט געזאָגט, װײל ס׳איז אים אַ װײטיק געװען, אַז איבערן דאָזיקן רויקן, אויסגעלײטערטן שטערן זאָל זיך אויף אײן מינוט אַ שאָטן פון צער צעלײגן.

ער האָט זיך געפילט איבעריק. בשעת־מעשה געטראַכט, אַז אויב ער װעט הײנט בײ מירלען לענגער בלײבן, װעט ער איר פאַרמיאוסט װערן און זי װעט אים הײסן מוחל זײן. כאָטש ער האָט געװוסט, אַז ער איז, אפשר, דער אײנציקער פון אירע באַ־קאַנטע, מיט װעמען זי פאַרהאַלט זיך ערנסטער און פאַרטרױלעכער, װי מיט אַלע איבעריקע.

די שטימונג איז געוואָרן אַ לאַנגווייליקע און אַ נאַרישע, די ווערטער האָבן זיך נישט געלייגט אויף דער צונג. און ראַפאַל האָט נישט געוואָלט, זי זאָל דערפילן זיין פאַרלירן-זיך און די ליידיקייט, וואָס האָט זיך אים צעלייגט אויפן האַרץ.

ער האָט זיך גיך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען. זי האָט אים נישט פאַרהאַלטן. אויך איר איז געווען נאַריש אויפן האַרץ און זי איז נישט געווען אויפגעלייגט ווייטער צו פאַרברענגען מיטן „קלוגן דיכטער", ווי זי האָט אים גערופן אין געדאַנק.

זי האָט לאַנג דערנאָך נאָכגעקלערט, פאַרוואָס ס'איז אַזוי. דוכט זיך, אַז אַזעלכעס טרעפט צווישן זיי נישט דאָס ערשטע מאָל. זי ווייסט נישט, צי עס דוכט זיך איר אויס, צי ס'איז טאַקע אַזוי. אין אַזעלכע גרויע, האַלב-פאַרנעפּלטע פאַרנאַכטן פילן זיי זיך פון שטענדיק אָן נישט גוט. תמיד פאַרפעלט זיי אין מיטן ווערטער. און אַז זיי געפינען שוין יאָ וואָס צו רעדן, קומט עס אַרויס פרעמד און קאַלט. איינער דעם אַנדערן וואָלט נאָר גע-וואָלט רייצן, אויסלאַכן און ווי טון. גאָר אַנדערש, ווי אין די זוניקע פרימאָרגנס, ווען ראַפאַל האָט ליב אַמאָל אַריינצופאַלן צו איר. די שענסטע געשפרעכן פירן זיי דעמאָלט. עס לעבט עפּעס דעמאָלט אין זיי און צאַפּלט. זי ווייסט, אייגנטלעך, נישט פאַר-וואָס, נאָר דעמאָלט איז ער איר ליבער און נענטער...

---

## II.

— אין וואָס פֿאַר אַ טאָג זענט איר געבוירן געוואָרן, מירל? — האָט ער זי אַנימלט אין דערפֿרי געפֿרעגט, ווען איר שטילער בודואַר איז פֿול געווען מיט זון און מיט בלומען און ווען זי אַליין — אין אַ ווייס מאָרגן-קלייד אין אַלט-רוימישע פֿאַלדן געוויקלט, האָט זיך אַרומגעדרייט פֿון איין וואַזאָן צום אַנדערן און פֿון אַ קליין קריגעלע אונטערגעגאָסן צו ביסלעך וואַסער.

— איר ווילט וויסן, ווי אַלט איך בין? — האָט זי אויס-גלייכנדיק אַ בלום אים צוריקגעפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס פֿאַרשטייט איר מיך תמיד פֿאַלש?

— ווי דען זאָל איך אײַך פֿאַרשטיין?

— איך האָב נישט געמיינט אין וואָס פֿאַר אַ יאָר, נאָר אין וואָסער טאָג.

— צו וואָס דאַרפֿט איר עס וויסן?

— עס איז מיר אינטערעסאַנט.

— צום דיכטן?

— ניין, סתם...

— זאָל איך אייך טאַקע זאָגן?

— חי איר ווילט...

— נו, גוט. איך בין נישט געבוירן געוואָרן בײַטאָג, נאָר נאָך האַלבער נאַכט.

— דאָס איז מיר אַלץ איינס. איך מיין — זומער צי ווינטער?

— ווינטער. אין דרויסן האָבן שדים אַ חתונה געפּירט.

— הם... — האָט ראַפֿאַל לייכט געשמייכלט, — איך האָב תמיד געטראַכט, אַז איר האָט באַדאַרפֿט געבוירן ווערן נאָר אין אַ ווילדע ווינטער־נאַכט. ווי מאָדנע דאָס האָט זיך צוזאַמענגעטראָפֿן.

— טאַקע? — האָט מירל געוויזן אירע קליינע שורות ציין, וואָס האָבן זיך געבליצט מיט אַ וועלפֿישער שאַרפֿקייט און געהאַט אין זיך די זאַפֿטיקייט פֿון נישט־צייטיקע עפּל — וואָס אַ דיכטער קאָן זיך אַלץ חלומען!...

— ס׳איז נישט קיין חלום. איך בין זיכער, אַז אַ שטיק פֿון יענעם שניי־ווינט ליגט אין אייך. איר האָט עפּעס אין זיך שדישעס.

מירל האָט זיך הויך און קלינגענדיק צעלאַכט.

— ראַפֿאַל, וואָס טוט זיך מיט אייך? ערשט נעכטן האָט איר מיר אַ קאָמפּלימענט געמאַכט, אַז ווען איר וואָלט אַ מאָלער געווען און געוואָלט אַ יידישע קעניגין שאַפֿן, וואָלט איר מיך פֿאַר אַ מאָדעל גענומען.

— אמת, אמת, — האָט ער גיך אונטערגעכאַפּט, — אייך טאַקע. ווייל איך זע אין אייך אַזעלכעס, וואָס קיינער זעט נישט און וואָס קיינער וואָלט עס, אפשר, נישט געוואַגט אייך צו זאָגן.

— איר מאַכט מיך נייגעריק.

— איר פֿאַרשטייט — האָט ער גענומען מאָדעלירן מיט די פֿינגער — אין אייער פּנים ליגט עפּעס... רוצחישעס. עפּעס אַזעלכעס, וואָס הייסט דעם קאָפּ פֿאַר אייערע פּיס וואַרפֿן. אַז איך קוק נישט, צום ביישפּיל, אויף אייער פּנים, נאָר בלויז אויפֿן געשטאַלט, ווי עס הילט זיך אין אַזוי פֿיל זייד און טיול, דערמאָנט זיך מיר שטענדיק דאָס ווייסע שטענגל פֿון אַן אונטערגעהאַקטער ליליע, פֿרעגט נישט, פֿאַרוואָס? אַזוי

האָט עס זיך מיר איינגעגעסן אין זכרון. דערזע איך אָבער דעם בליק אייערן, און דער עיקר — אייער רעכטן פּראָפיל, שווימט אויף פאַר מיר איינע פון יענע ברוין-לייביקע מיידלעך מיט די קורץ-געשוירענע שעפּסן-קעפּ, וואָס קאָנען זיך איינעסן מיט די ציין אין יענעמס קאַרק און ווי אַ פּאַנטערע אויסזויגן דאָס בלוט.

— הערט אויף, ראַפאַל — האָט מירל גענומען טופּען מיט די פיס—הערט אויף, איר פאַרליבטער דיכטער!...

ראַפאַלן האָט עס געטראָפן. ער האָט זיך איינגעקורטשעט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט נישט ליב געהאַט, ווען דאָס דאָזיקע קאַפּריזנע ווייבל, וואָס האָט אָפטמאָל געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פיין-מאָדעלירטער פאַרצעלאַן-וואַזע, האָט אים געקרויזט מיטן נאָמען: „פאַרליבטער דיכטער".

עס איז געווען פאַלש איר מיין, ווייל ער, דער רויקער און אויסגערעכנטער האָט געפילט, אַז אין מירלען קאָן ער זיך נישט פאַרליבן. ער וואָלט פאַרצערט געוואָרן אין אירע הייסע אָרעמס. זי האָט, אפשר, געוווסט דערפון און דערפאַר געפירט מיט אים אַ קעציש ע שפּיל. געוואָלט ער זאָל קומען צו איר מיטן זעלבן געפיל, וואָס דער סטודענט אָזשעך, אָדער ווי דער יונגער לעווענשטיין.

ראַפאַל האָט זיך אָפטמאָל פאַרטראַכט און געשמייכלט אין געדאַנק. ער האָט געגלויבט אין זיין אויסגעהאַלטענעם ווילן און אין זיין שטענדיקן צוריקהאַלטן זיך. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן פאַרהייליקט פרויען, ווי מען פאַרהייליקט אַ לעגענדע. נאָר דאָך—געהאַלטן זיי פאַר געפערלעך. ער האָט ליב געהאַט אַלע זייערע חסרונות, אַלע זייערע קליינע אויסגערעכנטע גרימאַסן און קאַפּריזן, נאָר — געהיטן זיך פאַר זיי. ווייל פרויען, פלעגט ער זאָגן, זענען אַזוי ווי בלומען: „שטיי, קוק און באַוווּנדער מיך! נאָר וויי, ווען דו וועסט מיך אָפּרייסן. איך וועל פאַרוועלקן ביי דיר אין דער האַנט און אויבערלאָזן דיר דעם ריח פון קברים".

אמת — דאָס געפיל צו מירלען איז ביי אים געווען

טיפער און ברייטער, ווי צו אנדערע. ער איז געקומען צו איר, ווייל זיין דיכטעריש געמיט האט זיך געפרייט מיטן דאזיקן לופטיקן און לייכטן באשעפעניש, וואס איז אינגאנצן געווען אן אויסגעזונגען לעבעדיק ליד. זי איז פאר זיין דיכטערישן פארנעם געווען טייער, כאטש ער האט פ א ר א י ר און צ ו ל י ב א י ר, דערוויל נאך גארנישט געשאפן. דאס בלויזע קוקן אויף איר — האט ער אפטמאל געטראכט, — איז שוין אליין פאר זיך א שטיק שאפונג. ער האט פשוט ליב געהאט צו באוואונדערן די ווייכע קנייטשן און פאלדן פון אירע קליידער, וואס האבן דעם מיושבדיקסטן מענטשן געקאנט אריינברענגען אין א מין פארשכורט משוגעת.

נישט איינמאל איז אים געקומען אויפן רעיון, אז אונטער מירלס פענסטער מוזן ביינאכט ארומבלאנדזשען אפגעגארטע געמיטער, וואס זענען אמאל געפאנגען געווארן פון אירע בליקן און וואס שעלטן, אדער בענטשן איר געשטאלט.

ס'קאן זיין, האט ער געטראכט, אז מירל ווייסט נישט און וויל נישט וויסן דערפון, זי קאן נישט טראכטן און קאן זיך נישט מצער זיין. איר טאג ווערט געבוירן מיטן שמייכל פון יונגע, קרעפטיקע קינדער און גייט אויס מיטן ריח פון זייד און אטלאס, וואס דער מאן ברענגט איר פון אויסלאנד און אין וועלכן זי נורעט דאס פנים ביז שכור-ווערן. זי איז ליידנשאפטלעך פארליבט אין גרויסע טערקישע בראשן מיט אלט-מאדישע יידישע אויערינג, וואס גיבן איר צו דעם אויסזען פון פארצייטישע קעבס-ווייבער.

עס דוכט זיך מירלען, אז נישט נאר ביים מאן, נאר ביי אלע וואס קענען זי—איז זי איינע, אז אלע פיעשטשען זי און פרייען זיך, וואס זי לעבט. און וואס זי קאן זיין: אמאל גוט, ווי א יונגער פרילינג-טאג און אמאל בייז און פארביסן, ווי אן אלט פארזעסן מיידל, וואס ווייגט אין די קישנס אריין. זי פילט אין זיך יענץ רייצנדיק פרויען-בלוט, וואס קאן דעם שטילסטן אויף דער תליה ברענגען און דעם גזלן מאכן שפלדיק.

קיינער איז, דוכט זיך, נישט בייז אויף מירלען און קיינער שטראָפט זי נישט. קאָן מען דען בייז זיין אויף אַ קינד? אָדער קאָן מען דען שטראָפן אַ קעניגין מיט אַ קליין טייוולאָניש פיסל, וואָס קאָן זיך אַזוי גרינג און לאַכעדיק אַרויפשטעלן אויף יעמעמס אַ קאָפּ און אים דערקוועטשן? אָדער וואָס קאָן מיט אַ לאַנגן ציִענדיקן בליק פאַרשלעפּן: אַמאָל אויפן וועג פון גליק און אַמאָל אויפן וועג פון צווייפל און משוגעת? ווער וועט זיך עס דען דערוועגן צו טון?

דער סטודענט אָזשעך איז אַ ציטערדיק לייכט מענטשל. ער בענטשט די מינוט, וואָס זי לאָזט אים זיצן ביי זיך און קוקן אויף איר. ראַפאַל איז פאַרשלאָסן און איינזאַם. ערגעץ הינטער זיך האָט ער איבערגעלאָזט שווערע, גרויע יאָרן, און וועלכע ער וויל פאַרגעסן. קומט ער צו מירלען שטילן זיין אָנגעווייטיקט געמיט און אָנטרינקען זיך מיט איר זאָרגלאָז און זינגענדיק וועזן. מירלס מאַן ווידער איז בלינד פאַרליבט אין זיין ווייבל. ער האָט נישט קיין נעמען פאַר איר און ווייסט נישט צי איז דאָס גליק זיינס, און צי ער איז עס ווערט. אַמאָל איז זי פאַר אים אַ גרויס קלוג קינד און אַמאָל — אַ קליינע אָרימע מידל, וואָס מען דאַרף טראָגן אויף די הענט. און כאָטש מירל האָט ליב צו פאַרגעסן, אַז זי האָט אַ מאַן און אַז פאַר אַ מאַן דאַרפט מען זאָרגן, האָט דוד קיינמאָל קיין פאַריבל נישט אויף איר און רעדט עס איר קיינמאָל נישט אויס. צוליב איר לאַכט ער, ווען ער דאַרפט נישט און איז זיך מצער, ווען ער וויל נישט. ער פרייט זיך מיט אירע שטיפערישע שטיקלעך, וואָס דערמאָנען אָן צוועלף־יעריקע מיידלעך; אָדער ווייטיקט, ווען זי ווערט פלוצלונג ברוגז און גייט אַוועק פון טיש אין מיטן־עסן. אָדער ווען זי פאַרשליסט זיך אין איר בודואַר און לאָזט אים נישט אַריין צו זיך ער קאָן דעמאָלט אָפּשטיין הינטער איר טיר לאַנגע שעהן און בעטן זיך, ווי אַ געשלאָגענער הונט — זי זאָל אים אויסהערן די שענסטע נעמען זוכט ער אויס פאַר איר. ער וואַרפט איר זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַר די פיס, נאָר

זי שווייגט. זי פילט, אַז עמיצנס אַ האַרץ צאַפּלט אין איר עפּעס, און וואָס זי וויל קאָן זי מיט דעם דאָזיקן האַרץ טון. זי זיצט אין אַ ווינקל פון דער סאָפע, וואַרפט מיט איין פוס און ציפּט נערוועזיש מיט די פינגער, אָדער רייסט שטיקלעך פון אַ בלימל, וואָס זי האַלט אין דער האַנט. ביז עס ווערט איר נמאס, וואַרפט זי אַריין דורך דער פאַרמאַכטער טיר: „איך האָב דיך פיינט, איך וויל דיך ניט זען"... דעמאָלט — ווייסט ער — הויבט זיך אָן די אויסגעלייטערטקייט און ער צעשמייכלט זיך.

און אַזוי קומט שוין שטענדיק אויס, אַז נאָך אַזעלכע ברוגזן ווערט מירלס קליידער-שאַנק רייכער מיט אַ שטיק זייד – אָדער טיול און מירלס צירונג — מיט אַ נייער בראַנזאָלעט, אָדער בראָש. זי פאַרגעסט גיך, וואָס עס איז געווען נעכטן און פאַרוואַרפט די הענט אויפן מאַנס האַלז, זי רייצט אים מיט איר קליינע, ווייסע הענט און וויל ער זאָל איר זאָגן — צי ער איז טאַקע איר מאַן. עפּעס גלויבט זי נישט — זי זאָל שוין האָבן אַ מאַן — דערצו אַזאַ גוטן און ליבן.

ציען זיך, דערנאָך, טעג פון באַהאַלטענע, שטילע בליקן און פון נישט-געזעטיקטע שמייכלען, וואָס דערציילן פון הייסע נעכט און ווילדע רייד. און מירל, זיצנדיק ביים טיש, וואָרנט מיט אַ פינגער אין דעם מאַנס זייט:

— דו ביסט אַ נאַשער. אַ נאַשער. איך וויל נישט.

דוד לאַכט מיט אַ פול האַרץ און וויל זי אַרומנעמען. ער האָט ליב, ווען זי שפּילט זיך אַזוי מיט אים. ער פאַרגעסט דעמאָלט אָן זיין מכּחר און אָן אַלע זיינע סוחרישע דאגות. ער איז נאָר מיט מירלען און פאַר מירלען. ער פאַרגעסט אויך, אַז אין דערפרי ערשט האָט זי אים געטריבן און באַליידיקט, געוויינט אויף איר ביטער מזל און מקנא-געווען די דינסט, וואָס זי האָט נישט אַזאַ נאַרישן מאַן, ווי זי. נאָר ער איז איר אַלץ מוחל: ווען זי פאַרשפּעטיקט זיך און לאָזט אים אַליין זיצן ביים מיטאָג, אָדער ווען זי וואַרט נישט מיט נאַכט-

עסן, נאָר לייגט זיך אויף דער סאָפע און האָט צו אים טענות, פאַרוואָס עס אַרט אים גאָרנישט, וואָס זי איז איינע אַליין און אַזוי פיל שטיבן און האָט נישט צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

דוד פילט זיך שולדיק און גיט איר געדעכט. ער איז טאַקע צופיל פאַרנומען, נאָך וואָס טויג עס אים?

— אויב דו ווילסט, מירל, וועל איך אויפהערן. וועל איך איינגאַנצן אַוועקוואַרפן די געשעפטן.

— וואַרף יאָ, וואַרף נישט, ס'איז מיר אַלץ איינס.

— וואָס דען ווילסטו?

— כ'וויל גאָרנישט. כ'בין אומגליקלעך.

זי נורעט דאָס פנים אין קישעלע און צוקט מיט די אַקסלען.

— אָבער מירלשי, דו האָסט דאָך אַזוי פיל באַקאַנטע, פאַרוואָס פאַרברענגסטו נישט מיט זיי?

— איך וויל נישט, איך וויל נישט. איך דאַרף נישט קיין באַקאַנטע!

— וואָס דען?

— גאָרנישט. דו ביסט אַ שלעכטער, אַ שלעכטער.

— אפשר זאָל איך בעטן די שוועסטערן מיינע — זיי זאָלן צו דיר אַרויפקומען בייטאָג אויף אַ שעה, צוויי...

מירל ווערט אויפגערעגט און פאַר כעס שליידערט זי פון זיך אַראָפּ די לעטשלעך מיט די קליידער, און נישט זאָגנדיק קיין „גוטע נאַכט", וואַרפט זי זיך אין בעט אַריין און שווייגט, ווי די וואַנט.

דוד פילט זיך נאַריש און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ שאַרט ער זיך אַרויס אין צווייטן צימער אַריין

## III

לייענען האָט מירל נישט ליב.

אין דודס קאַבינעט שטייט אַ טונקעלע דעמבאָווע שאַנק מיט ביכער. זיי וואַרטן אויף עמיצנס אַ האַנט, וואָס זאָל זיי אויפשניידן און אַמאָל אַריינקוקן. די איינציקע, וואָס זאָרגט פאַר זיי — דאָס איז מירלס דינסט. זי נעמט זיי אַרויס פֿון צייט צו צייט, ווישט אָפּ דעם שטויב פֿון די גאָלד־געשריבענע רוקנס און שטעלט זיי צוריק אַוועק. מירל ווייסט נישט ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען. אַז ס׳קומט אַמאָל צו רייד וועגן ליטעראַטור, באַקלאָגט זי זיך, אַז אין איר מאַנס ביבליאָטעק האָט זי נישט וואָס צו לייענען. דערציילט אָבער ווער וועגן אַ פֿריש־אויפֿגעשריבן בוך פֿון אַ מאָדערנעם אויטאָר, גיט זיך מירל אין דער ערשטער מינוט אַ כאַפּ — יענער זאָל עס איר באָרגן. נאָר, אַז זי קריגט עס, לייגט זי עס דערווייל אַוועק מיט אַן אויסרייד, אַז נאָכמיטאָג, ווען דוד וועט אַוועקגיין, וועט זי זיך נעמען דערצו.

גייען אַזוי אַוועק וואָכן און דאָס ביכל וואַרט אויף מירלס האַנט. נאָר, אַז ס׳קומען טיילמאָל טעג גרויע און ליידיקע און דאָס גלעקל ביי דער טיר רופֿט זיך נישט אָפּ, דערמאָנט זיך מירל אָן יענעם בוך. נעמט זי עס אויף אַ ווײַלע, מישט אויף איין בלעטל, נאָך איינס, קוקט צום סוף און באַלד ליגט עס ווידער אויפֿן פריערדיקן אָרט.

עס ווערט אָבער לאַנגווייליק און נודנע — קוקט זי זיך

אַרום איבער די שטילע צימערן, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט מיט עפּעס זיך צו פאַרנעמען. פאַלט דער בליק אויף די קליי־דער־שענק, פראַלן זיך אויף די טירן און מירל הויבט אָן מעסטן איין קלייד נאָכן אַנדערן.

יעדעס קלייד האָט עפּעס אַנדערש צו דערציילן. מיט יעדן איז פאַרבונדן אַן אַנדערע צייט און אַן אַנדער שטיק לעבן. געוועזן אַמאָל אַ צייט, ווען אין איינעם האָט זי זיך כּסדר געצירט. דעמאָלט האָט זי דאָס ערשטע מאָל דודן דער־קענט. ער האָט זיך, געדענקט זי, געפילט נישט אויפן אָרט און גערויטלט זיך, ווי אַ קליין־שטעטלדיק בחורל. זי קאָן נישט זאָגן, צי ער איז איר געפעלן, צי נישט. ער איז געווען רייך און פון אַ שיינער משפחה. נאָר איר איז, דוכט זיך, אַלץ איינס געווען. אַז זי דערמאָנט זיך אָן יענער צייט — איז זי גלייכגילטיק. זי איז אַדורך אַזוי אָרים און קאַלט, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען אין איר לעבן. זי האָט דאָס קלייד נישט איבעריק ליב. עס איז אַלט, אַזוי ווי איר כּלה־צייט און ביידע זענען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. מען דאַרף עס אַוועקהענגען צווישן אַלטוואַרג.

און כאָטש אין יענעם ווינקל איז שוין נישטאָ קיין אָרט — שטופּט עס מירל דאָך אַריין און האָט בשעת־מעשה דאָס געפיל, ווי זי וואָלט באַהאַלטן יענע חתן־כּלה־צייט צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס דערמאָנט זי אָן איר.

עס גייט פאַרביי, ווי אַ שאָטן אויף אַ פאַרטראַכט פּנים. באַלד קומט אונטער אַ פרישע צייט, וואָס לאַכט אַרויס פון גרין־ווייכן זייד מיט אַ טיף־געשניטענער פּלייצע.

אין דעם קלייד האָט זי דעם „פאַרליבטן דיכטער״ דערקענט. עס דוכט זיך איר, אַז פון צווישן די פאַלדן אַרויס טראָגט זיך נאָך זיין גלאַטער שמייכל, שטילע שטימע:

— זייט מוחל, פרוי אַלטוסקאַ. איך זאָג אייך, אייגנ־טלעך צום ערשטן מאָל. פונדעסטוועגן נעם איך מיר די דרייסט־קייט אייך צו זאָגן, אַז איר דערמאָנט מיך איצט אָן אַ נימפע, וואָס גייט אויף פון ים אין אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט — שפּילן

זיך מיט איר פּאָן!

ער איז איר געפעלן, זיינע ברייטע, אַביסל אַראָפּגע-לאָזטע אַקסלען, וואָס האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון קראַפט און זיכערקייט און דער - אַביסל - איינגעבויגענער שוואַרצער קאָפּ מיט די ווייכע האָר האָבן איר אימפּאָנירט. ער האָט גערעדט שטיל און רירנד. זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין דעם דאָזיקן ברייטן, קרעפטיקן יונגנמאַן ליגט אַ שפּאָר ביסל סענטימענטאַליטעט.

שפּעטער איז זי געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ דיכטער.

— וואָס שרייבט איר, הער ליפּסקי?

— וואָס עס לאָזט זיך.

— רעכנט איר זיך אָפּ מיט פרויען?

— ווי אַמאָל.

זי האָט אים גערופן „משוגענער” און ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט אים.

ער האָט איר אַמאָל געזאָגט, אַז אין דער מוטער-חוהס-טראַכט וואָלט ער זי נישט געוואָלט זען. ער מיינט, אַז זי איז שענער, ווען זי וויקלט זיך אין אירע זיידענע קליידער.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— איך פיל, אַז אַזוי איז עס.

זי האָט געשמייכלט און דערמאָנט זיך אָן דודן. ער האָט טענות—פאַרוואָס זי באַהאַלט זיך אין אַזוי פיל זייד.

ס'האָט אַמאָל ווער געזאָגט, אז דיכטער זענען נאַראָנים. פונדעסטוועגן וועט איר דוד, דער קלוגער דוד, קיינמאָל אַזוי נישט רעדן. ער איז נישט מסוגל דערצו און פאַרשטייט נישט צו זען דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט זען מיטן גע-וויינלעכן אויג. זי אַליין האָט זיך אויך ליבער אין אירע קליידער. אַ שאָד וואָס דוד איז נישט ראַפאַל... מען איז זי אַפילו מקנא מיטן מאַן. נישט אַלע, זאָגט מען, זענען אַזוי גליקלעך, ווי זי. אפשר, זי ווייסט נישט דערפון. עפּעס זעט אויס דוד אין אירע אויגן אַזוי אָרים און קליין. אַזאַ גרוי-סער און קלוגער סוחר מאַכט זיך אַזוי נאַריש. זי האָט אַ סך

ליבער, ווען ראַפאַל קריכט איר אין די ביינער אַריין, אַזוי ווי אַ שלענגל און שטעלט צו אַזעלכע דינע, דינע נאָדעלעך צום האַרץ. אַפילו ווען דער סטודענט אָזשעך, דאָס דאָזיקע איבער־געשראָקענע האָזל, שאַרט זיך נעבן איר פון דער ווייטנס און איז תמיד גרייט אונטערצושפּרינגען אויף אירס אַ ריר מיט אַן אויג. אָדער ווען ער פאַלט צו צו אירע הענט און קושט די פינגער.

— איר, מירל—איר, מירל!...

— איר האָט מיך ליב, אָזשעך? — פרעגט זי אים טיילמאָל און קוקט אים אין די אויגן אַריין מיט אַן איבער־געשפּיצט שמייכעלע.

— ווי ס׳לעבן!

— איך האָב דאָך שוין אָבער אַ מאַן.

— ער איז אייך נישט ווערט, איר זענט...

— הער סטודענט — האַקט זי אים שאַרף איבער און שטעלט זיך אויף מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ און מיט ברוגזע אויגן — אויב איר וועט נאָך איינמאָל אַזוי רעדן, וועל איך אייך שטאַרק באַליידיקן.

— אַנטשולדיקט.. איך האָב נישט געוואָלט — ענטפערט דער סטודענט פאַרביטערט און קוקט אויף איר, ווי אויף אַ הייליקע.

ביי זיך, אָבער, איז מירל קאַלט און עס אַרט זי נישט, וואָס אָזשעך רעדט אַזוי וועגן איר מאַן. איר גלוסט זיך גאָר צו לאַכן און צו שפּילן. עס ווילט זיך איר אויסציִען זיך אויף דער פּאָדלאָגע און אַרויפשמייכלען צום סטודענט:

— הייסט עס, אַז איר האָט מיך ליב. און ווער נאָך האָט מיך ליב, זאָגט?

נאָר טון טוט מירל עפּעס אַנדערש. עס נעמט זי אָן אַ רחמנות אויף דעם דאָזיקן סטודענטל. גייט זי צו און גיט אַ לייכטן פּיר די האַנט איבער זיינע האָר:

— נו, שאַ, יונגעטשקער, שאַ.

געפעלט איר אַמאָל, גיט זי אים אַ וואָרף פון אַ זייט,

אַז ס'וואָלט גלייכער געווען, ער זאָל אײַנגאַנצן אויפהערן אַרויפצוקומען, ער האָט אויף גאָרנישט צו וואַרטן און אויף גאָרנישט צו האָפן.

דער סטודענט אָזשעך איז נישט דער איינציקער, מיט וועלכן מירל פירט זיך אַזוי.

אַז ס'באַפאַלט זי אַ צייט פון איבערגעזעטיקטקייט און פון לאַנגווייליקער מידקייט, שוינט זי נישט אַפילו ד׳, צו וועלכע זי באַציט זיך ערנסטער און צוגעלאָזענער.

און מענטשן זענען נישט מער, ווי מענטשן. קיינער פאַרטראַכט זיך נישט איבער מירלס פירן זיך און קיינער פרעגט נישט, פאַרוואָס זי טוט אַזוי. מען גייט אַוועק: ווער ברוגז און ווער פאַרבענקט.

ציען זיך דערנאָך וואָכן, ווען קיינער ווייזט זיך נישט אַרויף, ווען דאָס גלעקל ביי דער טיר רוט און רעגט אויף מיט דער רויקייט מירלס געמיט.

צעשיקט זי בריוולעך צו די באַליידיקטע און האָט טענות, פאַרוואָס מען זעט נישט קיינעם. פאַרוואָס מען האָט פאַרגעסן אָן איר. און צי איז זי פאַר זיי נישט מער, ווי יעדע איינציקע פרוי, וואָס מען כאַפּט נאָר אויף מיטן אויג און וואָס מען גייט פאַר איר פאַרביי, ווי פאַר אַ שאָטן.

זי פילט זיך קיינמאָל נישט שולדיק און בעט קיינמאָל נישט איבער. עס דוכט זיך, אַז אַלץ, וואָס זי טוט קומט פון אַן אינערלעך ערלעך געפיל. זי איז געבוירן געוואָרן צו לעבן און אַלץ, וואָס דאָס לעבן פאַרמאָגט מוז ליגן פאַר אירע פיס. אַרום איר מוז תמיד רוישן און שוימען.

זאָל זיין גליק, אָדער אומגליק, לעבן אָדער טויט.

מירל איז יונג. אַזוי יונג, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אויף דער וועלט געקומען. פון ווייגל שוין ציט זיך אַ שנור פון זאַטע, גליקלעכע יאָרן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין קנייטשל אויפן שטערן נישט געלייגט און קיין צווייפל-געפיל אין האַרץ געלאָזן. זי האָט אויפגענומען דאָס לעבן לייכט און שוועבעדיק, אַזוי ווי די בלום נעמט אויף דעם שטויב פון דער זון. זי

האָט אייביק געפֿילט אויף זיך אויגן, וואָס האָבן זיך געבענטשט מיט איר. מען איז איר אייביק נאָכגעגאַנגען. אייביק נאָכגעקוקט און געזאָרגט—ס'זאָל איר זיין וואָס בעסער און באַקוועמער.

שוין דעמאָלט, ווען ס'האָט זיך נאָר וואָס אויפגעוועקט דער ערשטער ציטער אין די האַלב-רייפֿע בריסטעלעך, האָט מירל דערפֿילט, אַז זי הויבט אָן אויסוואַקסן פֿון די שטילע טאַטע-מאַמע בליקן און עפּעס אַזעלכעס, וואָס לאָזט נישט רוען יונגע, שעמעוודיקע הערצער און הייסט פֿאַרטראַכטן זיך — וואָס זי איז היינט און וואָס זי קאָן שפּעטער ווערן.

... עס רייצט דער אָטעם פֿון יונגע פֿרילינגס - נעכט, ערגעץ וואַרטן ביכער מיט העפֿטן. מען דאַרף עפּעס צוגרייטן און אויסלערנען. נאָר קאָן דען דאָס מיידל, וואָס האָט שוין דערפֿילט דעם ערשטן אָטעם פֿון פֿרעמדע יונגע ליפּן, ביישטיין דעם נסיון און נישט אַרויסגיין אין דער נאַכט אַריין, צו יענעם יונגן חבר, וואָס האָט אויך געלאָזט ליגן די ביכער מיט די העפֿטן?

ווער געדענקט דען דעם חשבון פֿון די יאָרן און ווער געדענקט, וויפֿל אַזעלכע פֿרילינגס-נעכט עס זענען געווען?

„יונגע-יאָרן, זאָגן אַלטע-לייט — נאַרישע יאָרן".

זיי זענען אַריבער, ווי שוים.

שפּעטער איז געקומען די צייט פֿון ערשטן לאַנגן קלייד. פֿון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן מירלס זומער, מירלס פֿלירט, ליבע און ליידנשאַפֿט.

עס זענען געווען בלאָנדע און שוואַרצע, קלוגע און נאַ-רישע. מיט וועמען מען האָט פֿאַרבראַכט לייכטזיניק און נאָך וועמען מען האָט אין דער שטיל געבענקט. אַ גרויס בוך איז געווען אָפֿן און יעדער פֿון יענע האַלב-פֿאַרגעסענע האָט אין דאָזיקן בוך אַ צייכן געלאָזן.

די דאָזיקע צייכנס וויקלען זיך ביי מירלען גאַנץ אָפּט אויף. און ווען זי קאָן נאָר ווייזט זי זיי פֿאַרן מאַן און פֿאַר די באַקאַנטע.

— עס איז געווען, דערציילט זי, איינער מיט אויגן, ווי

ביי אַ ציגײַנער, מיט געדיכטע, געקרײַזטע האָר, וואָס האָט זי נישט געלאָזט רוען — זי זאָל פאָרן מיט אים קיין אינדיען.

— איר זענט בלאַס און אָרים. איר דאַרפט האָבן אַ קאָכעדיקע זון און אַ ברייטן רויטן הימל.

אַ צווייטער האָט איר אַמאָל מיט אַ פאַרהאַקט מויל געזאָגט, אַז זי וועט אָפּנאַרן דעם מאַן.

— אין וואָס דערקענט איר דאָס?

— אין אײַערע פאַלשע, גרינלעכע אויגן.

מירל לאַכט און דערציילט, אַז זי האָט זיך געשווירן דעמאָלט — זי זאָל אַזוי לעבן, ווי זי וועט דאָס קיינמאָל נישט טון.

די באַקאַנטע און דער מאַן לאַכן מיט. נאָר איין ראַפאַל קוקט אויף איר פון אונטער די פענסנע אַפּער און אַרום זײַן מויל וויקלט זיך אַ דינער צווײַדײַטיקער שמייכל.

— הער דיכטער, וואָס קלערט איר אַזוי? — ווייזט מירל די ווײַסע ציין — איר האָט שוין אַוודאי עפּעס צו זאָגן?

— כ'האָב טאַקע — ציט ראַפאַל רויק די ווערטער — מיר דוכט זיך, אַז יענער איז נישט אינגאַנצן משוגע געווען.

אַלע שיסן אויס אין אַ געלעכטער און קלאַפּן ראַפאַלן איבער די פּלייצעס. בלויז איבערן מאַנס שטערן גייט דורך אַ לײַכטער שאָטן פון אַנגסט און מאַן-און-ווייבס אויגן טרעפן זיך אויף אַ מינוט.

אמת, צי נישט אמת?...

---

## IV.

עס ווייסט קייגער ניִשט, צי מירל פֿאַרטראַכט זיך אַמאָל איִבער יענעם יוגגערמאַנס ווערטער. נאָר עס קומען טיילמאָל טעג, ווען אַלץ און אלע ווערן איִר פֿאַרמיאוסט און דערעסן. דעמאָלט הייסט זי זאָגען, אַז זי איז אין דערהיים נישטאָ. און אַליין ווערט זיִ שטיל און געלאַסן, ווי איינער, וואָס דערמאָנט זיִך אָן יענער וועלט. זיִ איִז צופרידן און זאַט מיִט דעָר שטיל־קייט, וואָס קלינגט אין איִרע ציִמערן. זי שפּיִגלט זיך איִן דעם רייך - געציִרטן מעבל און איִן דעם ווייסן בעט־געוואַנט, וואָס פֿאַכלט אַראָפּ פון דיִ בעטן. און עפּעס איז זיִ גרויס ביי זיִך, וואָס זיִ האָט אַ מאַן און וואָס זי, נ אָ ר זי, איז דאָ אַליין די באַלעבאָסטע.

איִן די דאָזיִקע טעג קריִכט זיִ אַרום אין דיִ וויִנקלען און קוקט ציִ ס'איִז אומעטום ריין. ציִ יעדע זאַך שטייט אויף איר אָרט. זיִ שאַפֿט זיִך מיִט דער דיִנסט, ווי אַן אַלטע פֿאַרביסענע מאַדאַם. זיִ מישט זיִך אַריין איִן יעדער קלייניִקייט און ציילט די רעשטן, וואָס די דיִנסט ברענגט פון גאַס. אָדער — האָט טענות, פֿאַרוואָס עס גייט אַוועק אַזוי פיל האָלץ מיט קוילן. עס שוויִמט איִבער דיִ ציִמערן אַ געקלאַנג פון שליסעלעך און אַ סקריִפּען פון קרעדענס־טירלעך מיט שופלאָדן.

אַז דער מאַן קומט אַהיים צום מיטאָג, קלאָגט זיִ זיך פֿאַר איִם, אַז די היינטיִקע דינסטן זענען ניִשט ווערט די רייד און, אַז מען דאַרף זיי אַרויסוואַרפֿן, וויִ די הינט. בשעת־מעשה

זאָרגט זי זיך, פאַרוואָס דער מאַן עסט אַזוי ווייניק און פאַרוואָס ער זעט אַזוי שלעכט אויס. צי וואָלט נישט אַ יושר געווען — ער זאָל זיך אַביסל אָפּרוען?

דוד איז גליקלעך. ער קושט די ווערטער, וואָס פאַלן אַזוי שטיל און וואַרים פון איר מויל. ער טראַכט מיט פרייד, אַז ביי מירלען הויבט זיך אָן די צייט פון ערנסטקייט און ישוב-הדעת און אַ ווייטצאַפּלדיק געפיל רירט אים ביים האַרצן:

„אפשר האָט זי שוין דערפילט דעם ערשטן פריידיקן ציטער אונטערן האַרץ? די ערשטע בשורה פון אַ ניי לעבן?"

אַזוי ציען זיך וואָכן. מאַן-און-ווייב שפיגלען זיך איינער אין אַנדערן. רעדן פון תכלית, פון מסחר. אָדער גייען אין טעאַטער אַריין, צי גאָר—צו שווער- און-שוויגער צו גאַסט. און אומעטום שטעלט זיך מירל פאָר מיט איר דודן, ווי מיט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז נאָר וואָס געבוירן געוואָרן און וואָס קיינער, אויסער זי, פאַרמאָגט עס נישט.

די טעג, אָבער, הויבן אָן ווערן ענלעך איינער צום אַנדערן. עס הויבן זיך אָן אַריינרייסן צווישן מאַן-און-ווייב מינוטן פון שווערער לאַנגווייליקער שטילקייט. מען האָט שוין, דוכט זיך, אַלץ אויסגעזאָגט און מען הויבט אָן זוכן ווערטער— אַבי צו רעדן.

קומט פלוצלינג אַ פרימאָרגן — און מירלען הויבט זיך אָן אויסדוכטן, אַז זי צוזאַמען מיט די צימערן אָטעמען מיט עפּ״ס אַ קאַלטער, גרינלעכער פייכטקייט. אַז ס'איז דאָ טונקל און שטום געוואָרן. און אַז פון די ליידנשאַפטלעך-פאַריסענע פרויען-קעפּלעך, אין וועלכע מירל צירט אירע צימערן — קוקן אַראָפּ אַלטע צעקנייטשטע פנימער מיט אויסגעקרומטע מיילער.

עפענען זיך אויף טיר און פענסטער און דורך יעדע שפאַרע נעמט שלאָגן מיט זון און לופט. אין די ווינקלען וואַקסן אויס בונטן לעבעדיקע בלומען. מירל — אַ באַנייטע אין העלע צעלאָזענע קליידער נורעט דאָס פנים אין דער ליכטיקייט פון דער זון און אין דעם אָטעם פון די בלומען.

— עס' איז שוין ביי אייך ווידער פרילינג? — שמייכלט

ראַפאַל און ליבט זיך מיט אירע קליינע, פיליגראַנישע הענט, וואָס גלעטן די בלומען, אָדער שטעלן איבער עפּעס אַ שפּיל-צייג.

— פרילינג, פרילינג, ליבער דיכטער! עס האָט מיר אַמאָל אַ יונגערמאַן געזאָגט, אַז איך בין געגליכן צו בעז.

— ער האָט אָבער פאַרגעסן צוצוגעבן — וויצלט זיך ראַפאַל—אַז דער בעז בליט גיך אָפּ.

— איר זענט אַ רשע! — בייזערט זיך מירל און פון דער שטילקייט, וואָס בלייבט אויף אַ רגע הענגען צווישן זיי ביידן, הויבט זי אויף אַ פּאָר פאַרבענקטע, גוטע אויגן פול מיט גע-בעט און קינדערישן צער.

ראַפאַל שמייכלט אין די וואָנסעס אַריין און קוקט אויף איר פון אַ זייט, ווי איינער, וואָס ווייסט אַלע באַהאַלטענע ווינקלען פון דער מענטשלעכער נשמה.

— וואָס שמייכלט איר אַזוי? — פאַרציט מירל דעם שטערן.

— איר זענט שיין, ווען איר בייזערט אייך.

— געהערט שוין נישט איינמאָל—האָקט מירל איבער.

— דאָס אַרט מיך נישט — ציט ראַפאַל פּאַמעלעך — איך האָב ליב, ווען איר רעדט שטאַרקע ווערטער און נאָך מער, ווען איר שעלט...

— ווען און וועמען האָב איך דען געשאָלטן? — פאַרקוקט זיך מירל מיט האַלב-צוגעמרוושעטע אויגן און מיט אַ לייכט-שפּאָטיש שמייכעלע אין די ווינקלען פון מויל.

— די שטים ווערט ביי אייך טיפער-רעדט ראַפאַל ווייטער, ווי ער וואָלט זי נישט געהערט.—די אויגן קריגן די פאַרב פונם פאַרטאָג, איידער די זון גייט אויף. אויב איר האָט געזען אַמאָל אין אַזאַ צייט דעם ים, דאַרפט איר געדענקען, אַז אין יענע מינוטן זעט ער אויס, ווי גלאַנצעדיק שטאָל. ער איז אַזוי האַרט, ווי די שטיינער, וואָס היטן און באַשיצן אים.

— וואָס נאָך?

— איך האָב ליב דעמאָלט צו קוקן אויף אייך.

— וואָס נאָך ?
— און ניִשט אַזוי ווייט צו קוקן, ווי...
— ווי וואָס? — פאַלט מיִרל אַריין אין די רייד.
— ס'הייסט... ווי גאָרניִשט... נאָר... כ'האָב עפּעס אַ ווילדן חשק צוצוגיין צו אייך און מיִטן גאַנצן כח אַראָפּלאָזן אייך... אַ פּאַטש.
— אַ פּאַטש!? — גיִט מיִרל אַ בליִץ מיִט די אויגן און מיִט ביידע הענט נעמט זי זיִך אָן פון היִנטן ביי די האָר, — נו, אדרבה — פּאַטשט!...
פאַר ראַפאַלן בלייבט שטיין אַן אויסגעצויגענע, האַרטע פיגור מיִט בוֹלטע, רונדיִקע גליִדער און מיִט אַ פאַריִסן אויסגעשניִצט פּנים, וואָס אָטעמט מיִט אַ באַהאַלטענעם פיִבער און וואַרט צו וואַרפן זיִך אויף עמיִצן.
ראַפאַל ציִט זיִך צוריִק ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט:
— עך, איִר מירל!...
מיִרל צעלאַכט זיִך.
— איִר זענט אַ בריה אין אייערע ליִדער, הער דיכטער.
— אפשר! — ענטפערט ער אָפּגעקילט און פירט אַדורך מיִט די האַנט איִבער די צעשויבערטע האָר, וואָס הענגען איִם אַראָפּ אין פּנים אַריין.

# V.

אין אָוונט האָט זיך מירלס מאַן געחשבונט מיט אַ שותף באַ זיך אין קאַבינעט. מירל מיט ראַפאַלן זענען געזעסן אין עסצימער און געקלערט פון נעכטיקע טעג. עס איז געווען צו וואַרעם און צו שטיל. די מאַטע ליכטיקייט, וואָס האָט גערוט איבער די ווענט, און דאָס מעלאַדישע טיקן פון גרויסן זייגער האָבן דערמאַנט אָן שעהן ערגעץ אין אַ פאַרלאָזענעם שטייפריצישן הויף, ווו מען וואַרט אויף אַ גלעקל פון אַ שליטן, וואָס דאַרף זיך דערהערן אונטערן פענסטער און ברענגען אַ גאַסט פון דער פרעמד.

מירל האָט זיך געוויקלט אין אַ ווייסן, וואַרעמען טוך. ראַפאַל האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן נישט צו גענעצן. ער איז בייז געווען, נאָכוואָס ער איז היינט געקומען. זיך היינט אַ גאַנצע טאָג קיין אָרט נישט געפינען. ער קען ווייסט עס, וואָס עס איז. ער האָט געקלערט, אַז באַ מירלען וועט ער אפשר אויפגעמונטערט ווערן. נאָר מירל איז היינט אויך עפעס זויער. זי קוקט אַלע ווײַלע אויפן זייגער, אַזוי ווי זי וואָלט געוואַרט אויף ווען, אָדער געוואָלט — ער זאָל אַוועקגיין.

ראַפאַל איז שוין גרייט געווען אויפצושטעלן זיך, נאָר

אינמיטן האָט מירל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס טוך און אַ ביסל צו הויך אָפּגערופן זיך:

— קומט ראַפאל, ווען מיר זיך אַ ביסל איבערשליטלען.

— איבערשליטלען גאָר?

— יאָ! אַזאַ גרויסאַרטיקע נאַכט און מיר זיצן דאָ ווי די דזשאַדעס.

— נו, קומט. — האָט ראַפאל צופרידן געענטפערט, — אַז שליטלען איז שליטלען.

מירל איז אַריין אין צווייטן צימער און באַלד דערנאָך איז זי אַרויסגעקומען אין אַ ברייטן פוטער-מאַנטל. זי האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין מאַנס קאַבינעט.

— דוד, וועסט נאָך לאַנג זיצן?

— וואָס איז דען? — האָט זיך די טיר פון קאַבינעט האַלב אויפגעעפנט און עס האָט אַרויסגעקוקט דודס פאַרטומלט פּנים.

— מיר גייען אַ ביסל אַראָפּ.

— נו, גייט, גייט. איך מוז נאָך דאָ בלייבן.

מירל האָט געזאָגט אַ פּיעשטשענדיקן „פּאַ“, און צוזאַמען מיט ראַפאלן פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

אויף די שטיגן איז געווען טונקל. מירל האָט שווער און נישט זיכער געשטעלט די טריט. ראַפאל איז געגאַנגען נישט דרייסט זי אָנצונעמען אונטער די האַנט. נאָר אַז מירל האָט זיך אויף איין אָרט אַ וויג געטאָן, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אַזוי ווי נישט ווילנדיק זי צוגענומען צו זיך. ער האָט געמיינט, אַז זי וועט באַלד צוריק אַרויסציִען די האַנט, נאָר מירל האָט שווייגנדיק אויפגעעפנט דעם אָרעם און טיפער זיך צוגערוקט צו ראַפאלס אַקסל.

ביידע האָבן זיך אין דער טונקלהייט אַ קוק געטאָן אין די פּנימער אַריין, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרויסציִען איינער פון אַנדערן יענץ פאַרבאָרגן, צאַפּלדיק געפיל, וואָס קומט אין אַ מינוט פון שטילן גליק און וואָס זוכט באַהאַל-

טענע, פאַרשאָטנטע ווינקלען. אַ ווײַלע זענען זיי געבליבן שטיין אין הויז און יעדער האָט געמיינט, אַז באַלד וועט געשען אַזעלכעס, וואָס היט זיך פאַר מענטשלעכע אויגן און מענטשלעכע טריט. נאָר דורכן טויער האָט אַרײַנגעקוקט אַ שטיק בלויע נאַכט. זיי האָבן זיך אַזוי ווי דערמאַנט און זענען אַרויס מיט אײַלנדיקע טריט.

אינדרויסן האָט זיך געשפּרייט אַ בלויע, שטייפע נאַכט, מיט אַן אָפּגעריסן שטיק לבנה אין דער טיפקייט פון הימל און מיט אַ בלישטשענדיקן שניי, וואָס האָט זיך געבראָכן אונטער די פיס. פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געאײַלט, האָט זיך געטראָגן דער אָטעם פון נישטצײַטיקן ווײַן און פון קאַלט בלוט. אויגן האָבן געגלאַנצט מיט דער האַרטער ווײַסקייט פון שניי און מיט יענעם פאַרבאָרגענעם הויך, וואָס האַלט זיך אויף אין דער ערד און וואַרט אויף דעם ערשטן גרוס פון דער זון.

מירל האָט ברייט געצויגן דעם אָטעם און געהייסן ראַפאַלן צורופן אַ שליטל.

— וווהין פאָרן מיר?

— וווהין איר ווילט.

ראַפאַל האָט געפאָלגט. און זאָגנדיק עפּעס דעם אָנטרייבער אין אויפגעשטעלטן קאָלנער אַרײַן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן מירלען.

דאָס שליטעלע האָט זיך גיך און גלאַט געשניטן איבערן שניי, ווי איבער שאַרף גלאָז, און עס האָט אויסגעמיטן די רוישיקע גאַסן. ערגעץ ווײַט איבער די מויערן איז געהאָנגען אַ גרינער אָפּשײַן פונם שטיק לבנה, אויסגעמישט מיט ציטערדיקער שאָטנקייט פון די גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן. הינטערן שליטן איז ביסלעכווײַז געבליבן אַ שווער, ווײַט גערויש, וואָס האָט שוין געהאַלטן באַם אָפּשטאַרבן און איז פּאַמעלעך צערינען ערגעץ אין די גאַסן און געסלעך אונטער פאַרמאַכטע פענסטער און פאַרשלאָסענע טירן.

מען איז געפאָרן אונטער דער שטאָט. אַרום — הימל

און ערד און א ווייסע פאַרשכורטע שטילקייט. ערגעץ-ווו צאַפּלט נאָך אַ פּייערל אין אַ נידעריק הייזל. ערגעץ-ווו רייסט זיך נאָך אַריין אַ שטאָלענער גלאַנץ פון שינעס, אָדער אַ פּאָר גרויסע בלוטיקע אויגן פון אַ לאָקאָמאָטיוו — גרייט צו וואַרפן זיך אין דער ווייטער נאַכט אַריין.

ביסלעכווייז ווערט דאָס אַלץ אָפּגעווישט און פאַרלוירן. עס נעמען זיך צייכענען איינציק-צעוואָרפענע בוימער-שאָטנס, וואָס סטערטשען פון שניי אַרויס. דער וועג ווערט וואָס אַ מאָל אָפּענער און ברייטער. אַ גלייכער ווייס-בלויער מהלך ליגט, ווי אַ פאַר-שטיינערטער ריז — נישט צו וויסן, ווו ער הויבט זיך אָן, ווו ער לאָזט זיך אויס.

אַ מאָל, אַ מאָל שניידט זיך פּלוצלינג אויס אַ שוואַרצער, לאַנגער פאַבריק-קוימען. ער דערמאָנט אָן גרויע, פאַרנעפּלטע פרי-מאָרגנס מיט איינגעקורטשעטע בלייכע געשטאַלטן, וואָס וועקן זיך מיט זיין פייף און וואָס גייען אויס צוזאַמען מיטן רויך, וואָס ציט זיך פון זיין שפּיץ. אַ מאָל פאַרשרייט אַ קלאָ-געדיק היגטיש בילן דאָס ציטערדיקע קלינגען פון שליטן-גלעקל.

מירל האָט זיך טיף איינגעוויקלט אין איר פוטער, אַזוי, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען איר שפּיץ-נאָז, און וואַרעם זיך צוגערוקט צו ראַפאַלן. ביידע האָבן לאַנג געשוויגן, אַזוי ווי פאַר-כאַפּט פון דער ברייטער שטילקייט און פון דער אומענדלעך-שטו-מער נאַכט.

— וואָס פאַר אַ רחבות — האָט מירל די ערשטע איבער-געריסן דאָס שווייגן און אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ פון ווייכן קאָל-נער אַרויס — עס איז פּשוט ענג באַם האַרץ.

— שיין — האָט ראַפאַל פאַרטון אָפּגעענטפערט.

— ווען כ'זאָל נישט קיין מורא האָבן — האָט מירל אונטערגעכאַפּט — טאַנץ איך אַראָפּ פון שליטן און קאָלער מיך אַזוי אין שניי איבערן גאַנצן פעלד.

— אַן איינפאַל.

— אפשר נישט?

— יאָ, נאָר אין שנײ צו װאַלגערן זיך איז נישט פֿון די גרויסע פֿאַרגעניגנס.

— און איך װאָלט געהאַט אַ הנאה.

— װײל איר זענט אַ צעלאָזן קינד.

— נו, װאָס װײדער — האָט מירל האַלב ברוגז מיט אַ שנעלע צוגעטוליעט זיך צו ראַפֿאַלס אַקסל.

— גאָרנישט, איך װאָלט נאָר געװאָלט זען, װי אַזױ איר מאַכט עס?

— כ'האָב אַ ביסל מורא.

— לײענט מען קריאת-שמע — האָט זיך ראַפֿאַל צעלאַכט.

— דאָס לאָז איך איבער פֿאַר אײך — האָט זי אים לײכט אַ קלאַפּ געטון איבערן אַרבל און געװאָלט זיך אָפּרוקן פֿון אים, נאָר ראַפֿאַל האָט זי שװײגנדיק אָנגענומען בײַ דער האַנט און מיט אַ שטילן ריר געגעבן — זי זאָל בלײבן.

— איך װײס נישט, װי אַזױ איר — האָט ראַפֿאַל זיך אָנגערופֿן — נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דערדאָװיקער פֿײזאַזש, כאָטש ער האָט אין זיך גענוג שײנקײט — איז ער דאָך אָרים און ענג.

— אַזױ מײנט איר?

— איך בין געבױרן אין פּױלן און האָב ליב זײַנע זומערס און האַרבסטן, נאָר אַז ס'קומט דער װינטער, יאָגט ער אָן אויף מיר פֿײנלעכע מחשבות.

— פֿאַרװאָס?

— עפּעס פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ גלחים מיט שװאַרצע קאַפּישאָנען... הײליקע פּאָטערס, װאָס דערבאַרמען זיך איבער ייִדישע קינדער.

— װי פֿאַלט אײך דאָס אײַן?

— איך װײס נישט, נאָר איך פֿיל עס, דאַכט זיך, פֿון געבױרן אָן.

— האָט איר אַ סך געליטן אין פּױלן?

— אַזױ װיל, װיפֿיל עס לײַדט יעדער ייִד דאָ.

— איר האָט דאָך אָבער ליב דאָס לאַנד?

— יאָ, און דערפֿאַר טאַקע טוט עס מיר אַזוי װײ.

מירל איז שטיל געבליבן און לאַנג געקוקט מיט פֿאַרטראַכטע אויגן אין דער װײַטער שטילקייט אַרײַן.

— עס מוז זײַן דערפֿאַר — האָט ראַפֿאַל זיך אַזוי װי דערמאָנט — װאָס דאָ פֿעלט קלאַנג און פֿאַרב, און דער עיקר — לעבן. אָפֿן, פֿרײַ לעבן, אַ שטײַגער, װי אין רוסלאַנד — פֿאַרמאָגט נישט דער היגער װינטער.

— איר זענט לאַנג געװען אין רוסלאַנד?

— נישט לאַנג. נאָר כ׳װעל עס האָבן גענוג אויפֿן גאַנצן לעבן.

— אַזוי רײַך איז דאָרט?

— אָך, װי רײַך! איך דערמאָן מיך טאַקע אָן אַזאַ נאַכט אין יענעם „װילדן" לאַנד. כ׳בין אויך דאַמאָלס געפֿאָרן אויף אַ שליטן, נאָר אויף „אַ טראָיקע" און מיט אַ „יאַמשטשיק".

— און מיט װעמען נאָך?

— אַלײן. ס׳איז געװען דאַמאָלס די צײַט פֿון מײַן פֿרילינג: כ׳האָב דאָס ערשטע בוך אין דער װעלט געלאָזט. יענע נאַכט איז געװען די שענסטע, װאָס כ׳האָב װען אַמאָל איבערגעלעבט. אַזאַ פֿין ברײטקייט און אַזאַ מין שטום געזאַנג קען זיך גאָר דער מענטשליכער געדאַנק נישט פֿאָרשטעלן.

— דערצײלט.

— איר פֿאַרשטײט, — האָט זיך ראַפֿאַל פֿאַרגעסן און ברײט אַרומגענומען מירלס אָרעם — דרײַ פֿערד געשפּאַנט אין אַ קלײן שליטעלע. אַלע דרײַ רײַסן די קעפּ אין פֿאַרשידענע זײַטן. שפּײַען מיט פֿאַרע. זענען שכור פֿון פֿראָסט און פֿון װײַסער ליכטיקייט. און אַרום איז אַזוי אָפֿן און װײַט, אַז עס דאַכט זיך, דאָס דאָ קעניגט עפּעס אַ גרויסער אוראַלטער גאָט.

— דערצײלט.

ס׳איז, געדענק איך, געװען שרעקלעך שטיל. נאָר איך האָב געהערט זינגען. די װײַטע סטעפּ האָט געברומט מיט טױזנטערלײ טענער און קלאַנגען. פֿון טיפֿן שנײ-אַרויס האָט זיך

אויפגעהויבן דאָס געזאַנג פון וואַלד־גזלן, פון דער שיכורער זינ־גערין און פון יענעם אומגליקלעכן, וואָס חלומט פון פרייהייט הינטער די אייזערנע קראַטעס.

— איר זענט אַ דיכטער און קענט פאַנטאַזירן — האָט מירל איבערגעריסן — נאָר מיך שרעקט דאָס געזאַנג פון יענער סטעפּ.

— איר וואָלט עס נישט געוואָלט הערן?

— איך וואָלט געוואָלט זיין דאָרט, נאָר אין די גרויסע היצן, ווען די גראָזן ברענען. איך וואָלט געוואָלט דאַמאָלס ליגן מיטן פּנים צום הימל און שרייען. דאָס מוז זיין שרעקלעך גוט.

— ווער וואָלט אייך דען געהערט?

— דער הימל, דער וואַלד....

ראַפאַל איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך נישט גערינכט, אַז מירל זאָל טראָגן אין זיך אַזעלכע שטאַרקע און דרייסטע געפילן.

— איך ווייס נישט, צי ס'איז אַזוי גוט, נאָר ווו נעמט זיך אַזוי פיל אויפגעריסנקייט צו אַ יידישער טאָכטער?

מירלען האָט עס געטראָפן.

— עס נעמט זיך דערפון — האָט זי מיט אַ האַלב־אויפ־געדעגטער שטים געענטפערט — וואָס איר זענט אַ דיכטער און קענט עס נישט משיג זיין.

— ווי קומט איינס צום אַנדערן?

— עס קומט, עס קומט. איר דרימלט, איר האָט נאָר ליב פּיצלעך, האַלבקייטן און מער גאָרנישט.

— מירל, פאַרוואָס קומט עס מיר?

— פאַר דעם, פאַר דעם — האָט זי גיך צוגעוואָרפן.

— פאַרוואָס?

— פאַר גאָרנישט. איר זאָגט דאָך, אַז איך בין אַ משו־גענע.

— איך האָב עס קיינמאָל נישט געזאָגט.

— האָט איר עס געטראַכט.

— וואָס פאַלט אייך איין?

— עס פאַלט מיר איין. איר וועט קיינמאָל נישט דערפילן יענעמס אַן אויסברוך, יענעמס אַ געשריי, ווען ער ראַנגלט זיך אין פרעמדע צוואַנגען.

— איך פאַרשטיי נישט.

— איך ווייס, אַז איר פאַרשטייט נישט. ווען איך, אַ שטיי־גער, קום אַמאָל צו אייך און זאָג: הער דיכטער, איך בין שוין זאַט און האָב גענוג מיין גליק. קומט, לאָמיר זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין — נישט קיין חילוק צי אין סטעפּ, צי אין פּאַלאַץ. וואָס וואָלט איר געזאָגט?

באַ ראַפאַלן אין מח האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט. ער האָט געוואָלט צעשפּרייטן די אָרעמס, אַריינגעמען אין זיי מירלען, וואַרעמען זי און טוליען. נאָר וואָס איז אַרויסגעקומען?

— איך וואָלט געזאָגט, אַז איר זענט... אַ קאַפּריזנע ווייבל!...

— כ׳בין נישט קיין ווייבל, כ׳בין נישט, רופט מיך נישט אַזוי.

— וואָס דען זענט איר?

— כ׳בין גאָרנישט. לאָזט מיך געמאַך.

זי האָט אָנגעקלאַפּט אין פּורמאַנס פּלייצעס און געהייסן אויסדרייען דעם שליטן. ראַפאַל האָט זי געוואָלט צוריקהאַלטן, נאָר דער אימפּעט, מיט וועלכן זי האָט זיך אויפגעשטעלט און צוריק אַוועקגעזעצט, האָט אים צוריקגעקלאַפּט און אַריינ־געבראַכט אין אַן אומבאַהאָלפענער פּגי־לעגנהייט. ער האָט זיך געפילט שולדיק און חרטה געהאַט אויף זיינע רייד.

— סוף כל סוף — האָט ער געקלערט, — ווייסט ער נישט, פאַרוואָס ער רייצט זיך מיט איר. זי איז נישט פון יענע קלי־נגערישע, איבערגעשפּיצטע פרויען, וואָס איז אים איז אויסגעקומען צו באַגעגענען און וואָס האָבן זייער גאַנצע חכמה און דערפאַ־רוגג פון אַ ביסל ביכלעך געשעפּט. זי איז אַ פרוי מיט יעדן ריר פון איר אבר. אַ פרוי, וואָס ווייסט, אַז מען באַ־

גערט זי, אַז זי איז — אַזוי ווי אַ שטיק זון. אַזעלכע האָבן פיינט, ווען מען וויל זיי נישט פאַרשטיין און ווען מען רייצט זיך מיט זיי.

ראַפאַלן איז אויף אַ מינוט איינגעפאַלן, אַז מירל קען אים פיינט קריגן, האַסן, ווי נאָר אַזעלכע לייכטע, גראַציעזע באַשעפענישן קענען. אים איז אַ קאַלטע שלאַנג אַדורך דורך די אברים.

— זי איז דאָך, אייגנטלעך, די איינציקע, וועלכע קען אויף אַן אמת פאַראינטערעסירן, עס ליגט דאָך פאַרט אין איר אַזוי פיל פיינקייט און געשמאַק, אַזוי פיל אמת-ווייבלעכער רייץ, וואָס עס איז זעלטן צו טרעפן באַ יידישע טעכטער. און דאָ קומט איינער, וואָס קען די וועלט מער פון ביכער, ווי פון לעבן, און וויל אַרויפצייען אויף איר די שאָטנס פון גע־קנייטשטע שטערנס און פון פאַר דער צייט גרוי-געוואָרענע קעפּ.

— מירל! — האָט אין אים געקלאַפּט אַ געפיל פון חרטה — מירל, זייט מיר מוחל. איך ווייס נישט, ווער עס איז שולדיק. אפשר איר און אפשר איך? אָדער אפשר זענען שולדיק אַנדערע? נאָר סיי ווי סיי ווילט זיך מיטאַמאָל פאַרשעלטן די מינוט, ווען כ'האָב אייך דערקענט. ווייל נישט איך און נישט איר וועלן זיך אַמאָל פאַרשטיין. אין מיר קלאָגט אַ ליד פון פאַרלוירענע יאָרן, וואָס זענען אַריבער אין שאָטן. און אין אייך לאַכט די יונגקייט פון דער זון. איר זענט מיר אַ שאָד — איך וועל אייך גרוי מאַכן.

— זייט געזונט, מירל — האָט ער געוואָלט הויך אַ זאָג טון און אַרויסשפּרינגען פון שליטן. נאָר פון דערווייטנס האָבן זיך גענומען בלייכן די בלויע שטיקער פייער, וואָס זענען געהאָנגען איבער דער שטאָט, און די קליינע ציטערדיקע פלעמלעך אַרום דער ווייסל. עס האָט געווירקט אויף ראַפאַלן, ווי מען וואָלט אים מיט קאַלט וואַסער באַגאָסן.

ווען זיי זענען אַריין אין שטאָט, איז שוין געווען שפּעט. אײבער די הויכע, צונויפגעגאָסענע מויערן האָט שוין געדוט שלאָף און מידקייט. די בלינדע פענסטער, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין טונקל־בלויען ליכט, האָבן געקוקט אין די ליידיקע גאַסן אַריין מיט עפּעס אַ שטום עקשנות, וואָס וויל נישט דערציילן, וואָס הינטער זיי טוט זיך. פון דער נאַכט־אַרויס האָבן זיך געהערט איינציקע, פאַרשפּעטיקטע טריט פון נאַכט־מענטשן. ערגעץ פון אַ ראָג־גאַס האָט זיך אַריינגעשניטן אַ פאַרשייטער געגעץ פון אַ מיידל, וואָס וואַרט — עס זאָל ווער קומען און זי נעמען, אַ פאַרלעגן קול פון אַ היטער האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן און געשריגן אַהין צו יענעם ראָג:

— נאָ, נאָ! טי טאָם!...

ביידע האָבן געוואָלט רעדן און נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן. נאָר ווען דאָס שליטעלע האָט זיך גענומען דערנעענטערן צו דער געגנט, וווּ מירל האָט געוווינט, האָט זיך ראַפאַל פּלוצלינג אויפגעשטעלט און ווידער עפּעס אַ זאָג געטון דעם פורמאַן און פּוטערנעם קאָלנער אַריין.

דאָס שליטעלע האָט זיך אויסגעדרייט אין אַ זייט און פאַרפאָרן אין אַ פרעמדער, טונקעלער גאַס.

— וווּהין פירט איר מיך?

— איך וויל אייך פאַרפירן.

— נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער מענטש — האָט זיך פון מירלס קאָלנער געטראָגן איר פאַרטויבטע שטימע.

— אַזוי מיינט איר?

— אַזוי מיין איך.

— און אַז איך וועל מיך איינשפּאַרן?

— איר זענט נישט דער מענטש דערפון.

— פון וואַנען ווייסט איר עס?

— איך ווייס.

ראַפאַלן האָט געשלאָגן אַ היץ אין קאָפּ אַריין. ער האָט

זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו איר מיטן גאַנצן פּנים און אָנגע־נומען זי בײַ ביידע הענט. בײַ דער בלויער קאַלטער ליכטי־קייט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ דערבייַיקע עלעקטרישע לאָמפּ, האָבן זיך ביידנס אויגן געטראָפן. איין מינוט — און ביידע האָבן זיך מיט די נשמות איינגעגעסן איינער אין אַנדערן און געבאָדן זיך אין גליק און אין ווייטיק.

מירל, דאַכט זיך, האָט געשריגן:

— דו, דו, נאַר! — זיצט אַ דוד אין דערהיים און מאַכט חשבונות — ווען אַרט עס? און אין ראַפאַלס בליק איז גע־לעגן אַ קריצן מיט די ציין: „גיב מיר גליק אָדער אומגליק, נאָר שטאַרבן וויל איך בײַ דיר אויף די הענט"...

---

אַהיימגעפירט האָט ער זי שוין צופּיס.

זיי זענען געגאַנגען יונג און האַסטיק מיט גלייכע ריט־מישע טריט, וואָס האָבן פריי אָפּגעקלונגען איבער די שלאָ־פנדיקע גאַסן — און מיט רויט דורכגעפרוירענע פנימער, פון וועלכע עס האָט געשלאָגן אַ ריח פון אויפגעוואַכט בלוט און אַ פאַרבאָרגענער צאַפּל פון באַגערן איינער דעם אַנ־דערן.

בײַ ביידע האָט זיך געריסן פון די ליפּן אַ געמיש פון ווערטער און געדאַנקען, נאָר ביידע איז אַזוי ווי אַ שאָד געווען איבערצורייסן די אויסגעלייטערטע שטילקייט, וואָס האָט אַרומגע־וועבט זייערע נשמות.

אַ קלינג בײַם טויער און נאָכאַמאָל אַ שטומען קוק זיך אין די אויגן אַריין. אַ צי אויס אַ קליינע, וואַרעמע האַנט, וואָס כאַפּט זיך צוריק בײַם דריי פון שליסל אין שלאָס. און „אַ גוטע נאַכט", וואָס בלייבט הענגען צווישן טויער און צווישן דער גאַס. מירל איז שוין איבעוויייניק.

צוזאַמען מיט איר רייסט זיך מיט אַ ניי געבוירן געפיל פון פרייד און... שרעק.

ראַפאַל האָט אַ ווײַלע נאָכגעקוקט אין פינסטערן טויער אַריין, געוואָלט עפּעס נאָכשרייען, נאָר נישט האָבנדיק קיינעם, האָט ער פּאַמעלעך גענומען צוריקגיין.

---

— האָט זי אים געפאַנגען? האָט ער זי ליב? מירלס גליק איז אַזוי ווי דאָס געוויטער, וואָס קומט שטום און שרעקעדיק און גייט אַוועק, ווי אַ חלום פון אַ העלער נאַכט, ס'איז דאָס גליק פון צופאַל, דאָס גליק — כּוּן אַ רגע. זי קען פאַרברענען מיט דער קעציישער פאַרב פון אירע אויגן, מיט דעם ווייסן פיבער, וואָס שלאָגט פון איר רייפן לייב. און קען פאַרשיכורן מיט די שמאָלע הענט, וואָס האָבן אין זיך עפּעס גלי־טשיקעס.

— האַ, מירל — האָט זיך אין אים עפּעס געוואָרפן — פאַרוואָס ביסטו נישט דו, ווען מיין האַרץ האָט אין לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט אויסגעחלומט און אויסגעבענקט. פאַרוואָס האָסטו נישט אין דיר דאָס שטילע באַנעמען פון אונדזערע שעמעוודיקע טעכטער און דאָס שטענדיקע פאַרבאָרגן זייערע הייליקסטע געפילן פאַר פרעמדע אויגן.

— האַ, מירל — נאָך וואָס האָב איך דיך דערקענט? נאָך וואָס קריך איך אין דיינע זאַטע סאַלאָנען, וואָס אָטעמען מיט דעם ריח פון דיין קערפּער און מיט דעם סם, וואָס דו טראָגסט אונטער דיין ברוסט; לאַכסטו, מירל, אָדער האָסטו אויף מיר רחמנות?

און וואָס איז שולדיק דער סוחר, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן דיר ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר פאַר אַ מאַן גע־געבן?

ער האָט געבלאָנדזשעט איבער די ליידיקע, מידע גאַסן,

געגריבלט זיך, ווי אין אַן אָפענער ראַנע, און אָפטמאָל פּאַר־געסן, וואָס עס איז געווען מיט אַ שעה פריער. ער האָט זיך געוואָלט אויסלאַכן, אָפּטרייבן פון זיך דעם שווע־ן וואָרם, וואָס האָט זיך אים איינגעגעסן אין בלוט, און בשום אופן נישט גע־קענט. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך אַרומגעזען, האָט ער זיך געטראָפן שטיין פאַר מירלס טויער און נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער איז אַהער געקומען?

ער האָט אַרויפגעקוקט און געוואָלט טרעפן, וועלכעס פענ־סטער עס איז מירלס. נאָר פון אומעטום האָט אַראָפּגעקוקט אַ בלינדע, גלאַנצנדיקע שוואַרצקייט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַ סוד פון קאַרליקעס, וואָסווימלען ערגעץ אין די גאָרעס און וואָס וואַרפן זיך איינער אויפן אַנדערן מיט פאַרגאָסענע אויגן און אויסגעקרומטע מיילער.

— אַ גוטע נאַכט, מירל!

— אַ גוטע נאַכט. — האָט אים די ווייטע נאַכט אָפּגע־ענטפערט. ראַפאַל האָט ערשט אַצינד דערהערט מירלס שטים:

— אַ גוטע. נאַכט — האָט זי לאַנג און זינגענדיק גע־צויגן. אים דאַכט זיך, אַז דאָס ערשטע מאָל איז איר קול געווען אַזוי ערלעך.

נאָר ווער קען דען פאַרשטיין דעם זין פון „אַ גוטע נאַכט“, וואָס אַ פרוי לאָזט אַמאָל אַרויס פון אירע ליפּן? אַמאָל איז עס קורץ און שאַרף, אַזוי ווי אַ האַק, וואָס הענגט איבער אַ פאַרמשפּטנס קאָפּ. אַמאָל זאָגט עס: גיי און קום נישט. און אויב דיין געביין וועט ערגעץ ווו פאַרלוירן ווערן, וועל איך אפילו נאָך דיר קיין יאָר־צייט־ליכט נישט אָנצינדן. און אַמאָל קומט עס אויס, ווי דאָס גערויש פון אַ לעבעדיק וואַסער, וואָס ציט צו זיך, צו דעם דורשטיקן און מידן, אָדער ווי אַ פּאָר ריינע, אָפענע אויגן פון אַ בלאָנד מיידעלע. און זאָגן זאָגט עס: „גיי און קום, כ'וועל מיין געלעגער פאַר דיר רייניקן און מיין לייב פאַר דיר וואַשן“.

ראַפֿאַל האָט אין זיך אַ ציטער געטון. נאָכאַמאָל געכאַפּט אַ קוק אין די פֿינסטערע פֿענסטער אַרײַן, און עפּעס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט דאָרט אַן אויסגעקרומט לאַכעדיק פּנים, וואָס האָט געהייסן דעם קאָפּ איינגורען צווישן די אַקסלען און גיך אַהיימגיין...

## VI.

צומאָרגנס אין אָוונט, ווען ראַפאַל איז געקומען צו די אַל־טוסקיס האָט ער געטראָפן געסט. עס איז געזעסן דער סטודענט אָזשעך — אַ ריין אויסגעראַזירטער, דער יונגער לעווענשטיין מיט אַ גלייך־צוגעקעמטן גלאַנצנדיקן קאָפּ און אַ פרעמד פּאָר־פּאָלק, פון וועלכן דער מאַן האָט געהאַלטן אין איין גלעטן זיין בלאָנד קליגאָוואַטע בערדל און קוקן מיט האַלב־פאַרגאָסענע אויגן אויף מירלען, וואָס איז געזעסן אַקעגן־איבער זיין פרוי — אַ דאַמע שוין אין די פערציקער, מיט אַ שטאַרק אָנגעפּודערט פּנים און מיט אַ בלאָנדן קאָפּ געפאַרבטע האָר.

ראַפאַל האָט זיך נישט געריכט עמעצן צו טרעפן. האָט ער זיך אין דער ערשטער מינוט פאַרלוירן און צוריקגעצויגן. נאָר לעווענשטיין און מירלס מאַן האָבן אים באַלד באַם אַריינקומען געמאַכט אַ הויכן „ברוך הבא”. .

— אַ! אונדזער דיכטער איז דאָ!

מירל האָט מיט אַ העפלעכן, אַ ביסל איבערגעטריבענעם טאָן אים פאָרגעשטעלט פאַרן פרעמ־ן פּאָרפּאָלק!

— הער ליפקי.

— הערשאַפט שטיינבערג.

דאָס בלאָנדע בערדל האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרנייגט, די דאַמע האָט פאַרשנאָרעוועט דאָס מויל, אַזוי, אַז עס האָבן

זיך איר באַוויזן צוויי קליינע חן-גריבלעך. זי האָט אַרויס־געשטעלט דעם הויכן בוזים און קוים, קוים צוריק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

ראַפאַל האָט מיט דער אייגענער איבערגעטריבענער העפ־לעכקייט אָפּגעענטפערט און שטאַרק חשק געהאַט צו צעלאַכן זיך. ער האָט געהאַט אַ מינוט, ווען ער האָט געוואָלט צוגיין צום פּאַרפּאָלק און פרעגן: אים — ווו ער האָט גענומען אַזאַ אויסגעמאָסטן קאַנטיק בערדל און זי — ווי אַלט זי איז שוין, און וואָסערע חלומות עס חלומען זיך איר בײַנאַכט. נאָר דער פיינער טאָן און די שטייפע אויסגעצויגנקייט, וואָס איז גע־לעגן אויף אַלעמענס פּנימער — האָט אים ניש געלאָזט שטערן די שטימונג.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ זייט טיש און צוגע־הערט זיך פון וואָס די געסט רעדן. די ערשטע אומבאַהאָלפנ־קייט איז אַריבער און אַלע האָבן זיך צוריקגענומען צום געמיטלעכן שמועס, וואָס איז אויף אַ קורצע ווײַלע איבערגע־האַקט געוואָרן. גערעדט האָט מען וועגן עפּעס אַ פּרוי לעוו, וואָס איז אַנטלאָפן פון מאַן מיט אַן אַרטיסט און איבערגע־לאָזט צוויי קינדער. מען האָט דערציילט וועגן זייער ליבע, מיט וועלכער די גאַנצע שטאָט האָט אַמאָל געקלונגען. די דאַמע מיטן געפאַרבטן קאָפּ האָט נאָך געפילט דעם טעם פון יענער גרויסער חתונה, וואָס האָט אויפגערודערט וואַרשע מיט אירע טואַלעטן און געסט. דער יונגער לעווענשטיין, וואָס איז געווען אויסגעבונדן אין די יידיש-פּוילישע סאַלאָ־נען, האָט אַרויפגעברענגט אויפן טיש די פאַרבאָרגנסטע סודות פון יענעם פּאַרפּאָלק. ער האָט געוווסט, וואָס עס האָט זיך אָפּגע־טון אין יעדן ווינקל פון יענעם הויז, און געמאָלט אַזעלכע בולטע, שטאַרקע בילדער, אַז בײַ די געסט האָבן זיך אַזש די ווינקלען פון די מיילער אויסגעקרומט.

בײַם בלאָנדן בערדל האָבן די אויגן געקריגן אַ גלעזער־נעם גלאַנץ. די דאַמע האָט געקרומט מיט דער נאָז, גע־בלאָזן זיך און אַלע ווײַלע אַריינגעוואָרפן אַ פאַרביסן וואָרט.

— וואָס פאַר אַ נישט דערצויגנקייט.

— וואָס פאַר אַ געמיינהייט.

— ווי קען מען עפּעס אַזעלכעס?

— איר ווייסט פון וועמען מען רעדט, הער ליפּסקי? — האָט זיך מירל אינמיטן אָנגערופן צו ראַפאַלן.

— ניין, איך ווייס נישט.

— איך האָב אייך, דאַכט זיך, דידאָזיקע דאַמע געוויזן אַמאָל אין גאַס.

— איך געדענק נישט. ס'קען זיין.

פרוי שטיינבערג האָט אַ קוק געטון אויף ראַפאַלן און, דאַכט זיך, געוואַרט — ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן. ראַפאַל האָט פאַ-שטאַנען דעם קוק און אומישנע געשוויגן.

דערווייל האָט זיך אויסגעוויקלט אַ צווייט געשפּרעך, די פרוי מיטן אַרטיסט זענען פאַרגעסן געוואָרן.

ראַפאַל האָט ווידער געהערט וועגן עפּעס אַ מאַן אַ פאַנ-טאָפל, וואָס האָט געוווסט, אַז די פרוי לעבט מיט אַן אַנדערן און געמאַכט זיך נישט וויסן. איך דאָ האָט לעווענשטיין געהאַט דאָס וואָרט און אַזוי געווײלט דעם עולם, אַז אפילו דער איבער-געשראָקענער און האַלב-פאַרחלשטער אָושעך האָט הויך און האַר-ציק געלאַכט.

ראַפאַל האָט אין געשפּרעך קיין אָנטייל נישט גענומען. ער האָט נאָר געקוקט און גוט באַטראַכט דעם עולם. ער האָט זיך געפילט אַ ביסל פרעמד און נישט אויף דעם אָרט, באַלד אַוועקגיין האָט ער נישט געקענט און נישט געוואָלט. מער פון אַלעמען האָט אים אויפגערעגט די פרוי מיט דעם אָנגעפודערטן פנים. ער האָט געפילט, אַז זי רעדט נישט דאָס, וואָס זי קלערט, און אַז ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל פון איר האַרץ שימערט נאָך אַ פלעמל פון אַלטער, פאַרבאַקענער תאווה.

קיינער, אויסער ראַפאַלן, האָט נישט באַמערקט, ווי די פרוי כאַפּט פון צייט צו צייט דעם אָטעם, אַזוי ווי זי וואָלט גע-זיפצט אויף דעם, וואָס איז שוין אַריבער און וואָס וועט שוין

קיינמאָל, קיינמאָל נישט צוריקקומען. אירע קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער זענען געווען ביטער און פֿול מיט קנאה. אויף ראַפֿאַלן האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אָן אָפּגעלעבטער מעטרעסע, וואָס האָט ליב צו נאַשן פֿון פֿרעמדע טישן און טראָגן רכילות אין פֿרעמדע הייזער.

ער האָט געקענט אַמאָל איינע — איז איר גאַנץ לעבן באַשטאַנען אין דעם, וואָס פֿון אינדערפֿרי ביז באַנאַכט האָט זי אָפּגעקלאַפּט די טירן פֿון אירע באַקאַנטע און דערציילט מעשיות אויפֿן אויער — תּמיד מיט אַ באַוואָרעניש — עס זאָל, חלילה נישט אַנקומען ווייטער. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלמן, וואָס האָט געהאַט אַ טבע אַ סך צו שלאָגן און וואָס איז פֿאַרשלאָפֿן די צייט, ווען זיין ווייב האָט אין צווייטן צימער אויפֿגענומען גוטע פֿריינט אָדער סתּם אַזעלכע, וואָס ווייסן, ווי מען קען אָפּלעקן אַ פֿעט ביינדל. דאַכט זיך, אַז מירלס גאַסט איז יענערס אַ נאָנטע חבֿרטע.

אָבער מירל, ווי קומט זי צו איר? פֿאַרוואָס איז זי אַזוי פֿאַרויטלט? און פֿאַרוואָס איז זי אַזוי איבערגענומען מיט לעווענשטיינס מעשיות?

עס איז געווען אַ קליינע צייט, ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מירל פֿאַרמאָגט אין זיך אַן איינגעבוירענעם מיטגעפֿיל. זי האָט זיך אים אָפּטמאָל געמאָלט, ווי זייער אַן איידל בלעטל, וואָס דאַרף האָבן אויף זיך צאַרטע הענט. ער האָט תּמיד געזוכט אין איר דאָס שטילסטע, דאָס טיפֿסטע, וואָס שטראַלט אַמאָל אַרויס פֿון געציילטע פֿרויען. ס'קען זיין, אַז דערפֿאַר האָט ער זי אַזוי אָפּט אָנגעגריפֿן. אין מירלען, האָט ער געוווסט, דרימלט אַ שטיק פֿאַנטערע, נאָר מיט ריין בלוט און מיט אַ קעניגלעכער פֿעל.

און אָט זעט זי אים איצט אויס, ווי אַ דורכשניטלער, קליינלעכער ווייבל, וואָס געפֿינט דאָס גליק אויף דעם געלעגער, וואָס איז פֿול מיט עראָטישע אינטריגעס און וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן לעווענשטיין און צווישן

מאַן, צווישן אַן אַלטן אַלמן און אַ געשטיפּלטן צייטונגס־פאַרקויפער.

ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי זי קען לאַכן פון וויצן, וואָס שטאַמען פון אַזאַ גרין־אויסגעקנייטשט באַשעפעניש, ווי לעווענשטיין איז. דער מענטש מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַלט, אָפּגעטראָגן מלבוש. ער געהער שוין צו יענע, וואָס שלעפּן נאָך די פיס, און וואָס האָבן אין זיך געל בלוט. אַ מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט נאָכ־עדן און נאָכטון יענעם — און אַליין פאַרמאָגט ער גאָרנישט. תמיד — די אייגענע חכמות — נישט געמינערט און נישט געהעכערט אַ האָר. און נישט שטענדיק פּאַסט ער זיי צו אויפן אָרט. אָבער לאַכן — לאַכט מירל פון זיי. זי וויל ליגן אין סטעפּ און שרייען צום צעברענטן הימל, קאָלערן זיך אין שניי, און לאַכט, ווען מען דאַרף זיך אָפּשאָקלען, ווען מען דאַרף יענעם שפּייען אין פּנים אַריין און אַריינשרייען: „איר זענט אַן אויסגעטרוקנטער נאַר”!...

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ געזאַנג, וואָס טראָגט זיך שוין בײַ אים וואָכן־לאַנג אין האַרצן, און ער איז אַהערגעקומען דערציילן עס מירלען. זיצט ער דאָ, און טאָרעט זיך אויף פרעמדע געלעגערס און דעקט אויף פרעמדע ווונדן. עפּעס אַ דאַמע מיט אַן איבערגעוואַקסן, ווייך לייב, וואָס וויל נאָך ליגן אין פרעמדע אָרעמס און אָפּנאַרן דאָס בלאָנדע בערדל, זאָגט מוסר און קרומט מיט דער נאָז.

אַ נאַרישע ליידיקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די שטילסטע ווינקלען פון זיין נשמה און אים אויסגעלאַכט.

ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער און גרייט געווען זיך אויפצושטעלן, נאָר די דינסט האָט אַריינגעבראַכט טיי, און מירל האָט אַרויסגעשטעלט אַ קלאָש מיט צוקערוואַרג.

דאָס געשפּרעך האָט זיך גענומען דרייען אַרום פרייזן פון עסנוואַרג, אַרום דינסטן, וואָס טון אָן געברענטע צרות די מאַדאַמען און נאָך אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע ס׳האָט געשלאָגן ראַ־

פאַלן ביז צו דער גרינער גאַל און פאַרביטערט אים די מינוטן, וואָס ער האָט נאָך באַדאַרפט דאָ אָפּזיצן.

דער עולם האָט גענומען מישן מיט די לעפעלעך און פאַרזוכן פון דעם קלאָש אַראָפּ. די דאַמע האָט געגעסן אַ סך און שטאַרק גערימט דאָס געבעקס, און בשעת מעשה האָט זי דערציילט פון „אַ וויעטשאָרעק", ווו מען האָט פאַרבראַנגט ביזן ווייסן טאָג אַריין און ווו דאָס עסן איז ווערט געווען, מען זאָל עס פאַר די הינט אַרויסוואַרפן.

דער יינגער לעווענשטיי, האָט זיך אײַנמיטן דערמאָנט און אַ פרעג געטון, ווער עס גרייט זיך אויפן גרויסן באַל, וואָס דאַרף פאָרקומען אין די רעדווטן.

— איך! — האָט מירל די ערשטע אַ רוף געטון — איך האָב דאָך אַ גוטן מאַן — הייסט ער מיך דווקא גיין.

דוד האָט פאַרביסן מיט אַ לעקעכל און געשמייכלט אין די וואָנסעס אַריין.

— איך, ליידער, וועל נישט קענען זיין — האָט דוד געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— גראָד דאַמאָלס קומט מיר אויס אַוועקצופאָרן.

די דאַמע האָט אַ קוק געטון אויף איר בלאָנד בערדל און אין די אויגן האָט זיך באַוויזן אַ גרין בייז פייערל.

ראַפאַל האָט עס אויפגעכאַפּט, און אַזוי ווי אומישנע גע־ווענדט זיך צו איר:

— און איר, מאַדאַם, גרייט אייך אויך?

די דאַמע איז רויט געוואָרן, און פאַרציִענדיק דאָס פּיסקל, וואָס האָט זיך שוין געפּאַלדעוועט אין קנייטשן, כטאַטעטשנע אָפּ־געענטפערט:

— ניין, מיר — נישט. מיר האָבן נישט דעם קאָפּ און נישט די צייט דערצו. זאָלן גיין די, וואָס זענען יינגער פון אונדז.

בשעת זי האָט גערעדט, האָט זי אַ גאַנצע צייט נישט אַראָפּ־געלאָזט קיין אויג פון מירלען.

מירל האָט פאַרשטאַנען דער דאַמעס קוקן, און ווי אויך להכעיס אויסגעדרייט זיך צו ראַפאַלן:

— און איר, הער ליפּסקי?

— איך? — האָט ראַפאַל פאַרקנייטשט מיט די ליפּן — ווי קום איך אויף אַ פּוילישן באַל?

— פאַרוואָס — נישט?

— איך מיין, אַז איך וועל דאָרט שטערן די שמחה.

— וועמען? — האָבן אַלע אויסגעשטעלט די אויגן.

— אַלעמען. אַ פּוילישער באַל, און איך מיט מיין ספּעציפיש-ייִדישער נאָז.

— נו, גייט שוין, הער דיכטער — האָט לעווענשטיין מיד-ברייטלעך אַ מאַך-געטון מיט דער האַנט — מיר דאַכט זיך, אַז אייער נאָז וועט דאָ־ט זיין די פּוילישסטע.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און ראַפאַלן אַליין איז דער וויץ געפעלן.

— אַזוי מיינט איר?

— כ'מיין גאָרנישט, כ'בין מער, ווי זיכער.

לעווענשטיין האָט ווידער געהאַט די געלעגנהייט צו דערציילן, ווער עס גרייט זיך אַלץ און מיט ווי פיל אַרבעט די שניידערינס זענען פאַרוואָרפן, וויפיל מענער עס עסן נישט קיין מיטאָג צו דער צייט — אַלץ מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט און גענויקייט, ווי ער וואָלט אומעטום געווען אַלץ אויסגעהערט, אויסגעזען און פאַרשריבן.

ראַפאַלן האָבן אָנגעהויבן שניידן די אויגן. מיט אַלע כּוחות האָט ער זיך איינגעהאַלטן נישט צו געגעצן. דער זייגער האָט גענומען הויך און מעלאַדיש קלאַפּן עלף און צוגעאיילט — ראַפאַל זאָל זיך אויפשטעלן און אָנהייבן זיך געזעגענען.

— אַזוי גיך, הער ליפּסקי? — האָט מירלס מאַן, דערלאַנגענדיק אים די האַנט, געפרעגט.

— שוין צייט.

יעדער האָט צוגעוואָרפן עפּעס אַ האַלב וואָרט און געזעגנט זיך. נאָר איין מירל האָט געקוקט אָנגעשטרענגט און

גלייך, ווי עס וואָלט נישט איר דאגה געווען, צי ער גייט יאָ, צי ער גייט נישט. די האַנט האָט זי דערלאַנגט קאַלט און אָפּגעלאָזט. גאָר ווען ער איז שוין געווען בײַ דער טיר, האָט אין איר אויג עפּעס אַ צאַפּל געטון.

אין דער אייגענער מינוט האָט זי זיך געטראָפן מיט דער דאַמעס אויסגעשפּיצטע, זוכנדיקע אויגן און מיט אַ פאַרהאַקט גיפטיק שמייכעלע אַרום מויל:

— אַזוי איז די מעשה?

## VII.

אַ גאַנצע וואָך דערנאָך האָט מען ראַפּאַלן באַ מירלען נישט געזען. ער איז אַרויס אין יענעם אָוונט אַ פּאַרסמטער. אים האָט פאַרדראָסן אויף זיין נאַרן־זיך אין מזנטשן, אויף זיין לייכט גלויבן י ע נ ע ם, און אויף זיין ערלעך געפיל, וואָס ער ווייזט אַרויס אין אַזעלכע פאַלן.

ער פילט נאָך יענעם געפרוירענעם אָטעם און די פוסטקייט, וואָס דער אָוונט האָט אין אים איבערגעלאָזט. ער קען נישט צוגיין צו דער שיפלאָד, ווו עס ליגט יענץ אָנגעהויבענע געזאַנג, מיט וועלכן ער איז געקומען צו מירלען. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז מען שפירט דערפון דעם ריח פון לעווענשטיינס צוגעגלעטן, פייכטן קאָפּ און פון דער בלאָנדער דאַמעס הויכן בוזעם.

— בררר!... שאָקלט ער זיך אָפּ. אין אַזאַ געזעלשאַפט ווילט זיך מירל. זי שפּיגלט זיך אין יענעם פאַלשן גאָלד און איז נישט בעסער פון זיי, אַז נישט וואָלט זי אים צו וויסן געגעבן, וואָלט זי, אפשר, אַריינגעקומען צו אים. זי איז קלוג. זי האָט געזען, ווי אַזוי ער האָט זיך געפילט דאַמאָלס און ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויף אַלעמען. דער טייוול ווייסט עס. אפשר האָט זי זיך געשפּילט מיט אים? ווידער אַ קאַפּריז, ווידער עפּעס אַ אָנשטעל. ווער קען זי דען פאַרשטיין און ווער קען דען וויסן, וואָס זי מיינט?

עס זענען שוין אַריבער אַכט טעג, אַכט ליידיקע, גרויע טעג. קיינער קלאַפּט נישט אין זיין טיר, קיינער פרעגט נישט. ער פילט זיך, אַזוי ווי אין אַ שטייג, ער קען נישט לייענען און קען נישט שרייבן. אין גאַס אַרויסגיין — שרעקט ער זיך. עס שרעקן אים די געפילן, וואָס ליגן צעלייגט איבער די מויערן, די שטומקייט פון די מענטשלעכע פּנימער, וואָס זענען פאַרשלאָסן, באַהאַלטן.

יעדן פרימאָרגן ציטערט אין אים אַ פאַרבענקט געפיל צו יענע ליכטיקע שטובן, ווו מירל וווינט. ער פאַרקריצט מיט די ציין און קורטשעט זיך פון ווייטיק. ער ווייסט, אַז ער קען זיין שטאַרק און אויסגעהאַלטן, אָבער נישט שטענדיק איז דאָסדאָזיקע געפיל בײַ אים ערלעך און אויפריכטיק. עס קומט אַ מינוט, ווען ער ווערט געבראָכן, זיין שטאַרקייט זעט אים אויס נאַריש, ייִנגליש.

מיט וועמען, אייגנטלעך, האַלט ער מלחמה? וואָס וויל ער פון זיך און פון מירלען? ווער האָט דאָס געזאָגט, אַז מירל דאַרף זיין אַנדערש, ווי זי איז און נישט לאַכן דאַמאָלס, ווען איר געפעלט?

מירל האָט אירע פרייע וועגן. קיינער קען זי נישט פאַרצוימען. זי איז געגאַנגען אויף דער וועלט מיטן קאָפּ, אַזוי ווי יעדער איינציקער, און ווי יעדעס לעבעדיק באַשעפעניש קען זי טון מיט זיך, וואָס זי וויל. זי איז, אפשר, דאָס אמתע לעבן. דאָס, וואָס שאַפט און בויט, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום צוים.

און ער? אַ בלאַסער שאָטן. און אפשר דאָס אויך נישט.

איז זי זיינע? האָט זי אים ליבע און טריישאַפט געשוווירן? וואָס פילט ער דען צו איר, וואָס ער וויל איר קייטן אויף דער נשמה אַרויפלייגן? ווען איז געשען דאָס אומגליקלעכע נס, וואָס האָט אים פון זיין אויסגעטרעטענעם וועג אַראָפּגעוואָרפן און פירט אים ערגעץ אין דער פינסטער? ער קען זיך נישט דערקענען. ער קען נישט געפונען דעם פאָדעם פון יענעם ערשטן געדאַנק,

וואָס האָט געהייסן פאַרקוקן זיך אויף מירלען לענגער און פאַר־טראַכטן זיך. נאַר קען דען ווער אים יאָ געפינען?... דער, וואָס זוכט אים, איז אַ נאַר...

---

אין דרויסן שפרייט זיך אַ טונקעלער פאַרנעפּלטער אויפ־דערנאַכט. וווהין גייט מען? צו וועמען רעדט מען? ווו נעמט מען אײנעם, וואָס זאָל קענען פאַרשטיין דאָס שטומע געשריי, וואָס רייסט זיך פון האַרץ.

ער וואָלט געבענטשט די מינוט — ער זאָל זיך קענען אַרויפשלייכן אויף מירלס טרעפּ, אַרייננבענען זיך אין איר בודואַר און שפּירן דעם אָטעם, וואָס רוט דאָרט אין די ווינק־לען. נאַר ווי אַזוי קומט מען אַהין? וואָס פאַר אַן אויסרייד וועט ער זאָגן? אַכט טעג נישט געווען. מירל וועט עס דער־פילן. און דאַמאָלס וועט ער אויסזען שרעקלעך, שרעקלעך נאַ־ריש.

אַ קעלט נעמט אַדורך די ביינער. אים דאַכט זיך, אַז עס ענדיקט זיך אַלץ. ער וועט זיך נישט לאָזן בייגן, ער בלייבט. טאָ וואָס וועט זיין? דאַמאָלס פאַרלירט ער איינס פון די ליכ־טיקסטע ווינקלען, וואָס האָבן אויפגעשיינט אויף זיין הימל.

זאָל מירל זיין, וואָס זי איז און ווער זי איז — זי פעלט אים דאָך. זי איז אַ שטיק פון זיין אָנגעווייטיקט געמיט. מירל! מירל!...

די טונקעלע נאַכט קוקט אַריין מיט אַ בלינד פּנים און קילט דעם געדאַנק. הינטער די פּלייצעס הערט זיך אַ פרעמד גרעבלעך קול:

— יאַקאַש פּאַני טשעקאַ נאַ דאַליע.

עס דאַכט זיך, אַז אַ בייזער וואָרעם האָט זיך איינגעשניטן אין מוח און גראָבט די געהירן.

— וואָס? — גיט זיך ראַפֿאַל אַ קוק אום און דערזעט פֿאַר זיך דעם סטרוזש אין געל-ברודיקן פּעלץ.

— יאַקאַש פּאַני.

— מירל! — האָט אים אַ האַק געטון אין די שלייפֿן. אויף אַ מינוט האָט זיך אים דער געדאַנק אַזוי ווי אָפּגעשטעלט.

ער האָט נישט דערהערט און געמיינט, אַז זי גייט אַרויף צו אים. דער ערשטער געדאַנק איז געווען, ווי אַזוי מען נעמט זי אויף? דאָס צימער איז שוין עטלעכע טעג נישט אויפגערוימט. עס איז קאַלט, אָרים. מירל וועט זיך אָפּשאָקלען.

ער האָט עפּעס געוואָלט טון און נישט געוווסט, צו וואָס מען נעמט זיך פֿריער. עס האָט געשטיקט אין האַלדז אַ געוויין, עפּעס אַ געשריי פֿון איינזאַמקייט, פֿון בע-ונד-זיין און פֿון נישט קענען האָבן יענע וואַרעמע שטילקייט, וואָס אַ פֿרוי טראָגט אַריין אין אַ הויז.

אַ מינוט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט דינע טריטלעך אויף די שטיגן — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון און לאַזנדיק שטיין דעם אָנגעצונדענעם לאָמפּ, איז ער אַרויס פֿון צימער.

אויף די טרעפּ האָט ער געקוקט אין די האַלב-פֿינסטערע ווינקלען און געזוכט דעם שאָטן, וואָס זאָל אים זאָגן, אַז דאָס איז מירל. ער האָט זיך איינגעקוקט אין יעדן פּינטל, אין יעדן האַלבן שאָטן, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט — זי זאָל נישט פֿאַרביי-גיין און ער זאָל זי נישט אויסמיידן.

ערשט פֿאַרן טויער האָט ער זיך אַ ביסל אָפּגעקילט. ער האָט זיך איינגעשניטן מיט די אויגן אין נעפּל אַריין, וואָס איז געהאָנגען איבער די מויערן און פֿון דאָרט געהאַפּט צו דערזען מירלען. נאָר קיינער האָט זיך פֿאַר אים נישט אָפּגעשטעלט און קיינער האָט אים נישט גערופֿן. ער האָט געמיינט, אַז ס'האָט אים ווער אָפּגענאַרט. נאָר אינמיטן האָט ער דערהערט, ווי פֿון אַ דראָזשקע אַרויס, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל אָפּגערוקט פֿון טויער, ציט זיך אַ פֿאַרשטיקט, שטיל קול:

— ראַפֿאַל, ראַפֿאַל!

נ׳ךָ אַ מינוט — און פֿון דער אויפֿגעשטעלטער בודע אַרויס האָט זיך אויסגעשניטן אַ טונקל-פֿאַרשאָטנטער פֿלעק, וואָס האָט געוויזן מיט די הענט — ער זאָל זיך דערנענטערן.

— מירל, איר? — האָט ראַפֿאַלס שטים געציטערט מיט גע-וויין און גליק — איר, מירל?

— איך, איך! — האָט זי גיך געוואָרפֿן מיט די ליפּ׳, און אים אײַנגענומען, ווי מען נעמט אײַן אַ קינד.

— ווי קומט איר, מירל?

— קומט אַרײַן, איר וועט שוין געוווּר ווערן.

— ווי קומט איר? — האָט ער זיך אַלץ אײַנײַנעם גע-פֿרעגט, שוין זיצנדיק אינעווייניק און ציִענדיק ברייט דעם ריח, וואָס האָט געשלאָגן פֿון אירע הענט און פֿון האַלב-פֿאַרשאָטנטן פּנים.

— אַז איר קומט נישט, — האָט זי ברוגזלעך געענטפֿערט און אַ קלאַפּ געטון דעם דראָזשקאַזש, ער זאָל פֿאָרן.

— איך קום נישט. איך ווייס? איר קענט אַזוי לאַכן, און איך?

— פֿאַרוואָס לאַכט איר נישט מיט?

— כ׳בין געבוירן געוואָרן אין שאָטן.

— הערט אויף צו זײַן דיכטער.

— איך וואָלט עס גערן געוואָלט.

— לאָזט אײַך דען נישט ווער?

— איך אַליין.

— קענען אַלע דיכטער נישט לאַכן?

— נאָך וואָס פֿרעגט איר, מירל? צוּוואָס טויג עס אײַך?

— איר זענט טרויעריק.

— ס׳קען זײַן.

ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פֿאַרקלערט.

— מירל!

— וואָס איז?

— איך האָב מיך דערמאָנט אייער צונאָמען. אַלטוסקאַ. נישט אמת?

— נישט דאָס האָט איר געוואָלט זאָגן. ראַפאַל, וואָס איז אייך?

— גאָרנישט, גנעדיקע פרוי, גאָרנישט.

— נו, ראַפאַל, הערט אויף.

זי האָט זיך נאָענט צוגערוקט צו אים און לאַנג געקוקט אים אין פּנים אַריין. דאָס האַרץ האָט וואַרעם געציטערט — אַרויפצוליינג דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און רופן: „מיין ראַפאַל, מיין ראַפאַל!"

— וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן, ראַפאַל?

— איך ווייס? נאַרישקייטן. נאָר גאָרנישט. געפעלט אייך לעווענשטיין?

—ששאַ... האָט זי צוגעלייגט אַ האַנט צו זיין מויל — איך האָב נישט געוווּסט. אייפערזיכטיק, ראַפאַל? וועל איך שוין נישט מער.

— ניין, נישט אייפערזיכטיק, ניין! וואָס אַרט מיך לעווענשטיין. איך קען אים גאָרנישט. אָבער ווי אַזוי קומט איר אַהער?

— כ'האָב אייך געוואָלט זעען.

— מיך?

— יאָ, אייך, אייך! קלערט נישט פון לעווענשטיינען. איך וויל, איר זאָלט גיין מיט מיר אויפן באַל.

— איך?

— איר.

— און דוד? און... לעווענשטיין?

— ראַפאַל! מירל ווערט ברוגז.

— איך מיט אייך אויף אַ באַל?

— יאָ — מירל האָט אַ ניי קלייד, נייע פּערל. און איר האָט דאָך דאָס ליב.

— אמת, כ'האָב ליב אייער צירונג.

— מער נישט?

— און אייער האַלז?

— וואָס נאָך?

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט שטומע פאַרבענקטע אויגן און געוואָלט איינשלינגען אין זיך דאָסדאָזיקע טונקעלע באַשעפעניש, וואָס האָט אים געכשופט מיט אַזוי פיל פאַרבן און קלאַנגען, מיט אַזוי פיל ציטערדיקע פעדעם פון גליק און נחת.

זי איז דאָך געקומען צו אים, צו אים. זי האָט, אפשר, דערפילט באַ זיך אין דערהיים די קעלט פון זיין שטיבל און דעם צער, וואָס ער האָט געטראָגן אין האַרץ. די שלאָפלאָזע נעכט און דעם שטויב, וואָס האָט זיך גענומען צעלייגן אויף זיין נשמה. זי איז געקומען דערפרייען.

— מירל! — האָט ער אַזוי שטיל און וואַרעם אויסגעצויגן, אַז זי האָט אים אָנגענומען באַביידע הענט און געאָטעמט אים אין פנים אַריין.

— געבענקט?

— געשאָלטן.

— פאַרוואָס?

— פאַר גאָרנישט.

— שאַדט נישט, מירל איז נישט בייז. דיכטער מעגן. און מיין דיכטער איז דאָך אַ משוגען, צולאָזט יינגל.

— איר זענט גערעכט. איך בין טאַקע משוגע.

— יאָ, יאָ. און איך וויל מיטן משוגענעם דיכטער אויפן באַל גיין. וועט ער קומען?

— קומען.

— וועט ער טאַנצן?

— ער וועט טאַנצן.

— דעם ערשטן וואַלס מיט מירלען?

— איך וועל זי פאַרשעמען.

— פאַרוואָס?

— נישט פון די גרויסע טענצערס.

— ס'שאַדט נישט. מירל וויל.

— איז מירל גוט?

— יאָ!
— זייט מוחל, מירל, — האָט ער פּלוצלינג געטורעשט די שטימע.
— וואָס איז געשען?
— איך האָב שלעכט געקלערט וועגן אייך, מיאוס געקלערט וועגן אייך.
— בין איך טאַקע מיאוס? קען מען פון מיר שלעכטס טראַכטן?

ראַפאַל האָט נישט געענטפערט. אַ שווערער אומעט האָט זיך אים געלייגט אויפן האַרץ. ער האָט געוואָלט צוריקציען יענע איינציקע מינוט, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז מירל איז נישט ווערט — זי זאָל זיין מירל. ער האָט געוואָלט פאַרווישן יענץ געפיל, אָפּמעקן עס, אַזוי, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. נאָר נישט געוווסט ווי אַזוי. ער האָט גע-האַלטן איר קליינע האַנט און געגלעט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מיט יעדן ריר דערציילט ער מירלען אַלץ, וואָס ליגט פאַרבאָרגן בײַ אים אויפן האַרץ.

האָט מירל דערפילט?

אין דער טונקלקייט האָבן זיך געוויזט אירע קלייגע זאַפ-טיקע ציין, און אַן אויסגעלייטערטער שמייכל האָט גערוט אַרום איר מויל.

אַ מינוט איז געווען, ווען ס'האָט זיך דערמאָנט דער שאָטן פון שוואַרצן דיכטערישן קאָפּ, וואָס האָט נישט געלאָזט אַנטשלאָפן ווערן, און אַ מינוט — די ברוינע, פאַרטראַכטע אויגן, וואָס האָבן דערציילט: אַמאָל פון גליק און אַמאָל פון אומגליק, וואָס האָב אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקל פון איר בודואַר און געטריבן — זי זאָל אַהערקומען און אָנקוקן זיי.

— איז שוין שפּעט ראַפאַל?
— נאָך וואָס פרעגט איר?
— איך מוז שוין זיין אין דערהיים.
— פאַרוואָס אַזוי גיך?

— כ׳בין אַרויס אויף אַ מינוט. דוד וועט נישט וויסן, ווו כ׳בין אַהינגעקומען.

— מוז עס אַזוי זיין?

— מירל בעט.

ראַפאַל האַלט נאָך אַ ווײַלע איר האַנט און וויל צופאַלן צו איר האַלדז, וואָס בלייכט זיך אין דער שוואַרצקייט. נאָר די דראָזשקע שטעלט זיך אָפּ, און מירל גיט אַ לייכטן שפּרינג אַרויס.

— אויפן באַל?

— יאָ!...

— וועט איר קומען נאָך מיר?

— מירל, מירל!...

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

עס גיט אַ ציטער דאָס רוישן פון זייד, אין ראַפאַלן בלייבט נישט מער, ווי דער אָטעם פון אירע קילע האָר.

---

ווי לאַנג האָט עס געדויערט? איז עס אַ חלום? זעט אַזוי אויס דאָס גליק? ראַפאַלן דאַכט זיך, אַז ער איז קראַנק געווען. אַ קליין מיידעלע איז געזעסן בײַ זיין בעט און האָט אים אַ מעשה־לע דערציילט. ער געדענקט נישט, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגע־הויבן און ווי אַזוי עס האָט זיך אויסגעלאָזט. דאַכט זיך, אַז ער איז איינגעשלאָפן אין מיטן און האָט נישט דערהערט דעם סוף...

---

## VIII.

דער ערשטער גרויסער באַל אין דער הויפּטשטאָט. פון נאָנט און ווייט האָט מען זיך געגרייט צו אים. אַלטע, איינגעזע־סענע פּריצים, וואָס זענען געוווינט זייער גאַנץ לעבן צום טיקן פון זייגער און צו דער שטילקייט, וואָס רוט הינטער זייערע לאַדנס, האָבן פאַרלאָזט זייערע גיטער און אַהערגעקומען מיטן ווייב און מיט עלטערע טעכטער. שטאָטישע אַדל־לייט, מיט ווייכע, צע־קנייטשטע פּנימער, וואָס זענען שוין איבערגעזעטיקט, מיט די אויסגעדאַרטע און אָפּגעלעבטע „קאָקאָטעס", זענען מיטאַמאָל יינג געוואָרן און געקומען פאַרברענגען, אָדער שדכענען זיך צו די רייכע „פּאַננעס" פון די דאָרפישע הייף. יינג און אַלט פון פאַר־שידענע קלאַסן האָבן זיך היינט צוזאַמענגענומען אין די גרויסע רעדוטן־זאַלן צו פאַרגעסן די זאָרג פון פאַרשווונדענעם נעכטן און קומענדיקן מאָרגן.

עס לעבט און צאַפּלט אַלץ אין אַ צעפּלאָסענעם ים פון ליכט, בלומען און פרויען. פון יעדן ווינקל שלאָגט אַ ברייטע, אָפענע ליכטיקייט, אויסגעמישט מיטן הייסן גערויש פון מענטש־לעכע שטימען און זיידענע קליידער. עס רייסט די שאַרפע שיין פון די עלעקטרישע קאַנדעלאַבּרעס און פון בריליאַנטן־פייער, וואָס שמעלצן זיך צונויף אין איין רוישיק שטיק היץ. קליידער אויף קליידער — פון פאַרשידענע פאַרבן און פאַרשידענע שניטן,

וויקלען זיך איינס אין אַנדערן אַריין, טרינקען זיך אין דער טי־פער שוואַרצקייט פון די מענערישע פרעק און אין די ווייט־אויס־געשניטענע גאָרסן פון זייערע וועסטן.

עס לאַכן אויגן און רייצן מיט פּאַרפּירערישע בלישטשען. עס צאַפּלט דער אָטעם פון ראָז־נאַקעטע פּלייצעס און טיף־דע־קאָלטירטע ביוסטן, וואָס לאָקערן מיט אַ פאַרבאָרגענער תאווה און זאָגן צו טויזנטער גליקן און טויזנטער פאַרגעניגנס פרייד און זינד, שטילער באַגער און בענקשאַפט, וואָס פאַרהאַקט דעם אָטעם, רייסן זיך פון צווישן די פאַלדן פון די קליידער. מען האָט פאַר־געסן, וויפיל ווער ס'איז אַלט און וויפיל כוח ווער עס האָט.

דאָ זיצן אַלט־פוילישע מאַטראָנעס אין ברייט־געוויקלטע קליי־דער, מיט ווייסע קעפּ, וואָס דערציילן פון ווין און פּאַרן אויף דער „ריוויעראַ", פון גליק און כּוח בּרייטקייט, וואָס הייבט זיך אָן באַם געבוירן ווערן און גייט צו ענדע באַ די לעצטע תפילות פון גלח. דאָרט שאַרן זיך יונגע, פוילישע טעכטער, מיט פּאַריסע־נע נעזלעך און ווייכע, געטאָקטע גלידער, וואָס טראָגן אין זיך די געבענטשטקייט פון דער פוילישער ערד. זיי לאַכן מיט די בלויע פאַרבענקטע אויגן, אַזוי ווי עס לאַכט דאָס פעלד באַם ערשטן שטראַל פון דער פרילינג־זון.

ערגעץ אַנדערש — מענער. טייל אַלטע מיט דיקע גרויסע וואָנסעס, וואָס דערמאָנען אָן די אַמאָליקע „שליאַכטשיצעס". אַנדערע — יונגע, מיט גלאַנצנדיק־צוגעקעמטע האָר און מיט אַן אָפענער פאַרשייטקייט אין די פנימער. אַלץווימלט אַרום די יונגע פרויען און קיינער קלערט נישט — ווער פונוואַנען עס שטאַמט און ווער צו וועמען עס געהער. עס איז נישט קיין חילוק — אייגנס, צי פרעמדס.

באַ וועמען עס צאַפּלט אויף דאָס האַרץ פון אַ בלאָנדן קאָפּ פון האַברען־אויגן, און באַ וועמען — פון טיף־שוואַרצע האָר, וואָס זענען געצירט אין פערל און אין בריליאַנטענע קעם, און וואָס שלאָגן אָפּ זייער פייער אויף ברוינע אַקסלען, וועלכע אָטעמען מיט דער ליידנשאַפט פון אַ בת־שבע און מיט דער שטילער צניעות פון אַ מאַמע רחל. אויף איין ערד געבוירן און אונטער איין הימל

געוואַקסן. קאַוואַליערן, וואָס אין זייערע פּנימער ליגט די האַרטקייט פון שפּיז-און-שווערד, בייגן שטיל די קעפּ פאַר די ברוינע אַקסלען, און מיט פּריציִשע מאַניערן פאַרבעטן זיי צום טאַנצן. עס דאַכט זיך, אַז די אויגן וואונדערן זיך און פרעגן:

— פרעמדע בלום, אין וואָס פאַר אַ טאָל ביזטו אויסגעוואַקסן?

— אין טאָל פון טויט, ליבער קאַוואַליער — בליצן אויף די צעהיצטע אויגן און דאָס ברוינע לייב פאַלט צו און רוקט זיך אָפּ, אַזוי ווי ס'וואָלט געשפּעט און גערייצט זיך.

די היץ צעלייגט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער און ברייטער. איבערן זאַל שווימט דער ריח פון פּערפומען און פודער, געמישט מיטן שווייס פון די אויסגעוואַרעמטע קערפּערס. אונטערן טאַקט פונם אָרקעסטער שניידן זיך הונדערטער פּאָר פיס איינס אין אַנדערן אַריין, און זייער ריטמיש געזאַנג גיסט זיך צונויף מיטן הוילן גערויש, וואָס קומט פון אַנדערע זאַלן. דאָרט שווימט דער ווייַן אין די בעכערס און עס הייבט זיך פון צייט-צו-צייט אַ פריילעכער „וויוואַט" פאַרן געזונט פון יונגע אָרעמס, פאַר בליקן פון פאַרשייטע אויגן און פאַרן לעבן פון אַזעלכע קליינע, יונגע מירלס...

---

געקומען איז מירל, ווען די זאַלן זענען שוין געווען פול מיט געסט. דער קאָפּ נידעריק געקעמט און געצירט אין אַ גאָלדענער רייף מיט אַ גריניעם שטיין אינדערמיט שטערן. צווישן די געסט האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטיל געמורמל:

— ווער איז זי, אַ ייִדישקע, אַ ציגיינערין?

פון אונטער די שלאַכעצקע וואַנסעס אַפּער האָבן זיך באַוויזן פאַרקרומטע, פייכטע שמייכלען:

— „צאָ טאָ זאַ לוויצאַ"?

די יונגע פוילישע טעכטער האָבן געקוקט מיט אַ רעטעניש אין די אויגן און באַוווּנדערט:

— „צאָ זאַ גוסט, צאָ זאַ סובטעלנאָשטש וו׳רוכאַך".

מירל איז שטאָלץ און האַלט זיך פון דערווייטנס. עס בייגן זיך קאַוואַליערן און פאַרבעטן זי צום טאַנצן. באַ וועמען עס ליגט הכנעה און געבעט אין די אויגן און באַ וועמען — חוצפה און זיכערקייט. נאָר מירל נעמט אַלעמען גלייך אויף, זי דאַנקט שטיל און קאָקעטיש און וואַרט. דעם ערשטן טאַנץ האָט זי געגעבן ראַפאַלן.

די לופט ווערט געדיכט און עס נעמען זיך ביסלעכווייז צעוויקלען די טענץ.

— ווען מיר טאַנצן, מירל? — פאַרבייגט זיך ראַפאַל.

— ווען מיר טאַנצן.

ער נעמט זי ווייך אַרום באַ דער טאַליע און זיי שניידן זיך אַריין צווישן די פּאָרן, וואָס האָבן זיך צעוויגט איבערן זאַל.

זיי טאַנצן שטיל און רויק. עס וועבט זיך דער אָנהייב פון יענעם מעשהלע, וואָס ראַפאַל האָט נישט דערהערט. אין דעם שאַרן פון זייערע פיס ציטערט דער אָטעם פון די ערשטע קנאָס-פּען. ערגעץ אַנדערש פילט זיך שוין די טרויעריקייט פון זון זעצן און דאָ, דאַכט זיך, שניידט זיך ערשט אַ שטילער, לייכטער פרי-מאָרגן מיט אַ יונגער, האַלב-פאַרשעמטער זון איבער די שפּיץ-ביימער.

— זענט איר מיד, מירל?

מירל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. זי האָט זיך אַוועקגע-זעצט אין אַ טיפן פאָטעל און פאָכעט איבערן פּנים מיט אַ יאַפּאַ-ניש-געשניצטן פעכער.

עס קומען צו קאַוואַליערן און פאַרבייגן זיך.

— פאַרוואָס גייט איר נישט טאַנצן?

מירל עפנט אַ פּאָר גרויסע, לאַכעדיקע אויגן און צוויי חן-גריבלעך באַווייזן זיך איר אַרום די ווינקלען פון מויל.

— אייפערזיכטיק, ראַפאַל?

— זאָל גאָט היטן — כאַפּט זיך ראַפאַל, אַזוי ווי באַליידיקט — טאַנצט — מירל, איך וויל אייך זען.

— קענט איר מיך נאָך נישט?

— אין טאַנץ — נישט.

עטלעכע מענער האָבן זי אַרומגערינגלט, ווי גרויסע שאָטנדיקע בלעטער רינגלען אַמאָל אַרום אַ בלום. זי האָט אָנגענומען איינעמס אַן איינלאַדונג, און איבערלאָזנדיק דעם פעכער אויף ראַפאַלס הענט, איז זי געגאַנגען טאַנצן.

ראַפאַל איז געזעסן אין אַ האַלב פאַרשאָטנט ווינקל און געקוקט. ער איז געווען שיכור פון פראַכט און מיד פון זען. ווען ער איז אַרויפגעקומען היינט צו איר, האָט ער אַזוי פיל נישט געזען, ווי איצט. ער האָט זיך אויף אַזוי פיל נישט גערעכט. פון וואַנען פאַרמאָגט מירל אַזאַ אויסטערליש געשליפענעם געשמאַק און אַזוי פיל אויסגעהאַלטנקייט אין קליידן זיך, עס זינגט פון איר אַראָפ יעדע פאַלד און יעדער קנייטש.

דאָס קלייד פון ווייסן „קרעפ-דעשין" וויקלט זיך אין הונדערטער שאָטנדיקע פאַלדן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט באַשיצן און באַהיטן דאָס גרעסטע גליק פון איר בויגעוודיקן קערפער. דער גאָלדן-פאַרביקער „טוניק" געצירט בײַ דער האַלב-אָפענער ברוסט מיט אַ בלאַסער טיי-רויז, די נאַקעטע ראָזע הענט, אַרומגענומען אין דערהייך מיט צוויי גאָלדענע רייפן, און דער עיקר — דער פרעכטיק-פאַרפוצטער שוואַרצער קאָפּ, האָבן אַריינגעבראַכט ראַפאַלן אין אַ מין רעליגיעזן עקסטאַז. עס האָט זיך געריסן פון די ליפן אַ געבעט, אַ ליבע-ליד פון אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, וואָס די אַלטע געצן-דינער האָבן געזונגען צו זייערע געטער. זיין רויק אַרטעדיקן און זיין שטענדיק-צוריקגעהאַלטענע באַנעמונג, זענען צעשוווּמען, אַזוי ווי מיטן בלאָז פון ווינט.

— מירל, ביסט שיין! — האָט זיך אים געריסן פון האַרץ.

— מירל, ווער ביסטו? — אין מיר זינגט אַ ליד פון דער יידישער קעניגין אין פוילן, ביסטו עס נישט אַמאָל? האָסטו דיך נישט אַריינגעריסן צו מיר אין האַרץ און אַרויסגענומען פון דאָרט

מיין חלום? מירל! איך וויל אַ קנעכט, אָדער אַ האַר זיין באַ דיר. אויב דו ביסט טרויעריק, וועל איך דיין טרויער שטילן, אויב דו ביסט פריילעך, וויל איך דערטרינקען ווערן אין דיין שמחה.

מירל טאַנצט און וויקלט זיך אין אירע שאָטנדיקע פאַלדן. די פאַרוואָרפט פון מאָל צו מאָל דעם קאָפּ און שיקט העלע, אויסגעלייטערטע בליקן, אַזוי ווי זי וואָלט דערפילט ראַפאַלס געבעט. ראַפאַל ליבט זיך און שפּילט זיך מיט איר. ער וואָלט געוואָלט נעמען דאָסדאָזיקע שוועבעדיקע שטיק ווייסקייט, אויפהייבן עס איבער אַלעמענס קעפּ און שרייען:

— האָט דרך-ארץ, די ייִדישע קעניגין גייט!

די מוזיק שניידט זיך אַריין אין די געדאַנקען און לאָזט נישט וועבן דעם חלום. דער טאַנץ צעשפּילט זיך.

עס גייט אַ וואַלס. אַ באַקעטער און אַ פאַרשייטער. פון אונטער די פיס אַפּער שלאָגט מיט שוים און מיט בלוט. עס עסט זיך איין דער רונדיק-צעבליטער פרויען-קערפּער אין דעם מאַנס אָרעמס און הייסט זיך גלעטן און פּיעשטשען. ער הייסט זיך איינעסן מיט די ציין אין די ציטערדיקע ברוסטן און אַרויסציִען דאָס בלוט פון די אָדערן.

עס פראַלן פּאָרן אויף פּאָרן. איינע שניידט זיך אין דער אַנדערער אַריין און שוימט אָפּ, ווי שטיקער וואַסער, בשעת אַ געוויטער. דער ווייס-ראָזער גלאַנץ פון די אָנגעפּודערטע פּלייצעס שאָנט זיך, ווי אַ צעוויגטע פּאַליע זאַנגען אונטערן לייכטן ריר פון אַ ווינטל. אויגן אָנגעשטרענגטע און שאַרף-פּאַרקוקטע, ווי די שפּיזן, קוקן אין זיך אַריין און שפּיגלען אין זיך דעם צאַפּל פון יעדן איינציקן גליד.

דער וואַלס פאַרשכורט און באַרוישט. מען האָט אויפגעעפנט האַרץ און ווילן און מען רופט:

— כ'האָב געחלומט פון דיר נעכט און טעג. נעם מיך! כ'בין, ווי וויין און ווי בלומען. כ'בין, ווי דער בעז אין אַ דעמפּיקער פרילינג-נאַכט.

— כ'גאַר נאָך דיר און באַגער! — גליטשט זיך אַ בויגעדיקער טאָן — איך טו דיך אויס און טו דיך אָן און נורע דעם

קאָפּ צווישן דיינע ווייסע בריסטן... איך רייס שטיקער פון דיינע זיידענע קליידער און שליידער זיי אַוועק...

— — — — — — — — — — —

— ראַפאַל!

ווער אָטעמט אַזוי הייס איבער זיין פנים און פונוואַנען גייט אַזאַ פאַרשיכּורטער ריח?

— מירל?

— נישט דערקענט?

— איך טראַכט, אַז...

— נאָך וואָס?... רייסט זי איבער — דער וואַלס רופט. לאָמיר טאַנצן...

עס האָט געצאַפּלט דאָס האַרץ און דאָס בלוט האָט זיך צעזונגען.

ער האָט זי אַרומגענומען.

ווען זי האָט פריער געציטערט אין פרעמדע אָרעמס, האָט ער דערהערט דאָס גרויסע געשריי, וואָס איז געגאַנגען פון אָר האַרץ. דאָס געשריי, וואָס האָט נישט קיין ראַמען און וואָס האָט געשלאָגן פון יעדן באַהאַלטן ווינקל פון אירע פאַלדן:

— כ'האָב מיך געצירט און געוואַשן. ווען כ'האָב דאָס קלייד אויף מיר אַרויפגעצויגן, האָב איך דיין געבענטשט פנים געזען. איך האָב מיך אין מיינע שפּיגלען געשפּיגלט און געוואַרט דו זאָלסט קומען — דו זאָלסט מיך נעמען און אויסזינגען מיר דאָס ליד פון אַלע לידער. איך בין איינע און קיין אַנדערע טאָר־סטו נישט האָבן. איך קען מיך שעמען, ווי א כּלה אין דער ערשטער נאַכט פון איר חופּה. און קען זיין אויסגעלאַסן, ווי אַ וואַנזיניקע העטערע. דו, גרויסער מיינער! אין שאָטן פון רויזן וועל איך דיר דאָס גרעסטע גליק געבן. איך וועל דיך בענטשן און באַכגיין נאָך דיינע טריט. זיי מיר אַ מאַן און אַ געליבטער. איך וועל האָפן אין דער שטיל, אַז כ'זאָל אַמאָל, אין אַ הייסן פאַרנאַכט, קענען נעמען דיין קאָפּ און דערציילן דיר, אַז אונטערן האַרץ מיינעם צאַפּלט דיין אָטעם.

— וויגט איך און שיכּורט! — ווייל איינמאָל לעבט מען

און איינמאָל שטאַרבט מען — האָבן זיך די טענער געשיט איבערן הייס־צעברענטן זאַל — טאַנצט אויס אייער לייד. פאַרגעסט ווער צו וועמען עס געהער און ווער וועמען עס איז געטריי.

עס גיסן זיך צונויף די פאָרן מיט דער ליכטיקייט און מיט די טענער פון דער מוזיק.

פאַר ראַפאַלס אויגן בלייבט פלוצלינג הענגען איין שטיק פאַרגליווערטער שאָטן.

עס זעט קיינער נישט. צוויי גרינע, צעברענטע אויגן, וואָס זינגען און וויינען, עפענען אים דעם שאַרבן. ער איז איינגאַנצן באַהויכט מיט איין שטיק אָטעם, וואָס ציט זיך פון מירלס שמעקעדיקע הענט. ער ווייסט נישט, ווער וועמען עס פירט. קוקט ווער, אָדער גייט ווער נאָך? ערגעץ פון דערווייטנס ציִען זיך טויבע, אָפּגעהאַקטע טענער און אַרום איז אַ שטילע, הייליקע טונקלקייט. ליפּן בייסן זיך איין אין ליפּן און גוטע הענט גלעטן דעם קאָפּ, נעמען אַרום דאָס פּנים און אַ פאַרחלשט געשריי רייסט זיך פון האַלדז:

— מיין מירל!

— דו, ראַפאַל!

---

עס איז נאָך געווען ווייט צו טאָג, ווען ראַפאַל האָט אַרויפּגעוואָרפן אויף מירלס אַקסלען דאָס פוטער אוןביידע האָבן פאַרלאָזט די רעדווטן. שטום און איילנדיק זענען זיי איינגעזעסן אין אַ שליטן און געלאָזט זיך איבער די ליידיקע, שווייגנדיקע גאַסן, ביידע גליקלעכע און איבערפולטע מיט געזאַנג און פרייד.

ס׳האָט פאַרפעלט ווערטער און אָטעם, די שטילע נאַכט האָט געקילט די הייסע שטערנס אין די צעברענטע געמיטער. מען האָט זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, אַזוי ווי מען וואָלט זיך געהאַט ווייניק און געוואָלט איינער אין אַנדערן פאַרלאָשן ווערן — — —

פאַרן טויער האָט זיך ראַפאַל צום לעצטן מאָל איינגעגעסן אין מירלס לענגלעך-אויסגעבויגענעם האַלדז, נאָר מירל האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך און שטיל געבעטן:

— נישט אַצינד, ראַפאַל, נישט אַצינד.

אין דער פאַרשלאָפענער, קאַלטער שטילקייט האָבן אָפּגע-קלונגען אירע גיכע, דראָבנע טריט איבערן טויער און דאָס צו-קלאַפּן פון דער הויז-טיר, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז מירל איז שוין אויף די שטיגן.

— נישט אַצינד! — האָט עפּעס אַ ווייט ווידער-קול אָפּגע-קלונגען אין ראַפאַלס אויערן און געטריבן אים איבער דער שלאָ-פעדיקער שטאָט, ווי איינעם, וואָס לויפט דאָס גליק געפינען, אָדער וואָס האָט שוין דאָס גליק פאַרלוירן.

---

# IX.

ווען מירל איז אַרויס פון איר באָד-צימער, האָט זי גע־טראָפן בײַ זיך אין בודואַר אַ קויש ווײַסע בלומען מיט אַ קליין צעטעלע: „ראַפאַל".

זי איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין פאַרווונדערט און געקוקט פון דער ווייטנס, אַזוי ווי אַ גרויסער מענטש קוקט אַמאָל אויף אַ קליין באַחנט קינד.

דורכן פענסטער האָט זיך געטראָגן אַ קאַלטע ליכטיקייט פון אַ זוניקן ווינטער-טאָג, וואָס האָט געגלאַנצט מיט טויזנטער בריליאַנטן פײַערלעך און צעטראָגן איבערן צימער דעם ערשטן ריח פון אויסגעלייטערטע הימלען.

מירלס פנים, וואָס האָט נאָך געהאַט אויף זיך די ראָזע פײַכטקייט פון וואַסער, האָט זיך אײַנגעגנורעט אין קויש בלומען און טיף אײַנגעאָטעמט אין זיך זײַן פרישן ריח. איר קליינער, אויס־געשלאָפענער קערפּער האָט זיך געהילט אין אַ ווײַסן מאָרגן-מאַנטל, וואָס איז געווען האַלב-אָפן און געוויזן דאָס פריש-אָנגעטוענע העמד, פון אונטער וועלכן ס'האָבן זיך געצייכנט די קליינע ברוסטן.

די בלומען און דאָס צעטעלע מיטן קורצן נאָמען האָבן זי געפרייט און געפּיעשטשעט. ס'איז געווען אַ מינוט, ווען זי האָט זיך געפילט, ווי אַ קינד, וואָס ווי נאָר עס עפנט די אויגן, טראָגט מען עס שוין צו פון שענסטן און פון בעסטן.

אַ מינוט ווידער האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַזוי באַ־

האַנדלט מען יענע פרויען, וואָס האָבן דאָס גליק צו ברענגען אויף דער וועלט די ערשטע פרוכט פון זינד און פון ליבע.

זי האָט זיך צעשמייכלט און דערמאַנט, אַז זיצנדיק אין וואַסער און שפּילנדיק זיך מיטן אייגענעם לייב, האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז פון ערגעץ אַ באַהאַלטן ווינקעל קוקן אַרויס ראַפאַלס אויגן. האָט זי זיך באַם אויפשטעלן איינגעבויגן אין צווייען און מיט די הענט צוגעהאַלטן די בריסטן. אַצינד האָט זי דאָס אייגענע געפיל.

עס דאַכט זיך, אַז פון די בלומען אַרויס הויבט זיך אויף דעם דיכטערס בליק און בעט שטיל — זי זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס קלייד.

דאָס האַרץ נעמט גיך ציטערן און דער געדאַנק בלייבט אויף אַ ווײַלע אַזוי ווי שטיין. זי קוקט זיך אַרום איבער דער שטוב, הערט זיך איין אין דער ליכטיקער שטילקייט און גייט צו אויף די שפּיץ-פינגער נאָנט צום קויש. דאַכט זיך, אַז ערגעץ האָט זיך עפּעס אַ רידער געטון. זי שטייט אַ ווײַלע מיט אויפגעשפּיצטע אויערן און מיט אַ שפּיץ-פינגער אין מויל. אַרום איז שטיל. די זון וואַרפט אַ שטויביקן פּאַס אויף די בלומען-קעפּלעך און שפּילט זיך אויף זיי מיט ציטערדיקע שפּיזלעך.

אין מירלען גיט זיך עפּעס אַ וואָרף. זי גיט גיך אַ צי אַראָפּ פון די אַקסלען דאָס העמד און מיטן נאַקעטן לייב טוליעט זי זיך צו צום קויש. עס ווערט קאַלט און פייכט. ערגעץ ווו האָט זיך ווידער עפּעס אַ רידער געטון. מירל ציט זיך גיך צוריק, אַזוי ווי פון ווענעמס אַ האַנט אַרויסגעריסן, און קנעפּלט שנעל צו דאָס מאַנטל פון אויבן ביז אַראָפּ...

---

אַ גאַנצן טאָג דערנאָך איז מירל שוין מער צו די בלומען נישט צוגעגאַנגען. זי האָט נאָר געקוקט אויף זיי פון דערווייטנס און אַ פאַרסודעטער שמייכל האָט אַ גאַנצע צייט גערוט אויף אירע

ליפן. ס׳האָט אויסגעזען, אַזוי ווי זי וואָלט זיך מיט וועמען גערייצט און הנאה געהאַט דערפון.

ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, ווען ראַפאַל שיקט איר בלומען. כמעט פון אַלע באַקאַנטע האָט זי שוין דידאָזיקע מתנה באַקומען, נאָר פון איין ראַפאַלן — קיינמאָל נישט. עס איז איר, טײלמאָל, איינגעפאַלן, אַז ער איז אַ גראָשנדיק מענטשל, אָדער ער האָט סתם נישט קיין זין פאַר קיין בלומען. אָפּטמאָל אָבער האָט זי, באַשיינפּערלעך, געפילט, אַז ראַפאַל וויל איר אומישנע נישט שיקן. ער לאַכט און מאַכט חוזק, ווען אַנדערע טון דאָס. ער האַלט פאַר נאַריש אַזוי אָפּן אויסצודריקן די שטילסטע געפילן.

זי פלעגט שטאַרק אין כעס זיין אויף אים און פשוט געוואָלט נקמה דערלעבן!...

ראַפאַל האָט תמיד דערפילט אירע מחשבות און קיינמאָל נישט דערלאָזט — זי זאָל אים גובר זיין.

מירל ווייסט נישט, צי האָט ער זיך גרויס געהאַלטן, אָדער צי האָט ער מיט אַ כיוון דערשטיקט אין זיך דאָס, וועגן וועלכן אַנדערע האָבן ליב אַזוי אָפּן און פאַרעקשנט צו פּראַלן.

זי האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַז ער טראָגט פאַר איר עפּעס אַ שטיל און יונג געפיל, פון וועלכן ער וויל — קיינער זאָל נישט וויסן, און דער עיקר — זי נישט. מירל קען אים: ער איז פאַרעקשנט און שטאָלץ. וועגן זיך רעדט ער ווייניק און האָט תמיד מורא — אַ פרעמדער זאָל זיך נישט אַריינרייסן צו אים אין דער נשמה. ער האָט זיך געהאַט אַמאָל אַ׳ויסגעכאַפּט דערוועגן, האָט ער זיך אָבער באַלד דערמאָנט און מער נישט גערעדט.

איר האָט זיך אָפּטמאָל אויסגעוויזן, אַז ער וויל אַרויסרייסן פון זיך דאָס שטילע געפיל און דערפאַר טאַקע קומט ער צו איר. ער וויל ווייזן, אַז זי האָט נישט קיין שליטה איבער אים.

עס פלעגט קרענקען און וויי טון. זי האָט זיך געפילט דערשלאָגן און נאַריש. עס זענען געווען צייטן, ווען זי איז דעם דיכטער אַ שונא געווען. ער האָט זיך צעלייגט איר פאַר די פיס און פאַרהאַקט דעם וועג.

אַצינד איז דער וועג פריי. אַרום איר מויל ציטערט נאָך דער הויך פון זייַנע נעכטיקע ליפּן. זי פילט נאָך דעם ריח פון זיין פּנים, די צאַפּלדיקע וואַרעמקייט פון זייַנע הענט, בשעת זיי האָבן זיך צוגערירט צו אירע אָפענע אַקסלען און געוואָלט אַראָפּ־רייסן דעם „טוניק". זי האָט געפילט, נעכטן, אַז זי איז שיין, אַז זי קען באַגליקן, דערפרייען און אפילו משוגע מאַכן.

און אָט וויגט זיך דאָרט דער ערשטער בונט בלומען, וואָס דער פאַרליבטער דיכטער האָט געשיקט. עס ציט זיך פון אים דאָס באַהאַלטענע ליד פון זיין האַרץ. דער אייביקער ציטער און באַגער — זי צו האָבן...

עס איז געווען אַ מינוט אין זייערס אַ געשפּרעך, ווען ראַפאַל האָט פאַקריצט מיט די ציין און אָפּגעריסן זיך, ווי דער לייב, ווען די לייבין לאָזט אים נישט צו צו זיך:

— עך, מירל! — האָט ער אַ וואָרף געטון און ווייטיקלעך פאַרקרומט דאָס פּנים.

זי איז געזעסן, געדענקט זי, אויף דער סאָפע און געוואָרפן איינגעשפּאַרט מיט אַ פוס. אַ קראַמפּהאַפטיקער שמערץ האָט זיך צעגאָסן איבער די אבריב, אַ שמערץ, וואָס צעמישט די געדאַנקען און הייסט פליקן פון זיך שטיקער און וואַרפן זיי צום געליבסטנס פיס.

שוין אין יענער מינוט האָט זי אים געזען אין אַ שטייג. און דאָס האָט איר אַ גרויסע, שמערצלעכע פרייד פאַרשאַפט. עס איז איר געווען ווייניק. זי האָט אים געוואָלט אינגאַנצן אַרויספירן אויפן וועג און אויפדעקן די ווונד, וואָס האָט גערינען אונטער זיין האַרץ. נאָר דער דיכטער האָט זיך אַליין גובר געווען און פאַרלאָשן אין זיך אויף אַ צייט דאָס פייערל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו צינדן.

אַצינד איז די צייט געקומען. עס דערציילן די בלומען פון אַן איינגעבויגענעם הכנעהדיקן קאָפּ, פון פאַרליבטע, מילדע בליק, פון אַן איבערפולט, פאַרבענקט האַרץ, וואָס טראָגט אַ תפילה צו אירע פיס און שיט ברכות אויף איר קאָפּ.

מירל פאַרטראַכט זיך. עס ווערט געבוירן אַ קאַלטער, אויס־

גערעכנטער געדאַנק, אַז פון פייער מוז מען זיך צוריקהאַלטן. מען דאַרף שטיין פונדערווייטנס, קוקן און שפּילן זיך דערמיט. קיינמאָל אָבער טאָר מען נישט דערלאָזן, עס זאָל אַרומנעמען אינגאַנצן. עס בלייבט נישט מער, ווי אַש...

— אַ פרוי, טראַכט מירל, מוז שטענדיק זיין צוריקגעהאַלטן. זי מוז שטענדיק עפּעס נישט דערזאָגן און עפּעס נישט דערווייזן. צווישן איר און ראַפאַלן מוז זיך אַציננד אָנהייבן די צייט פון קאַלטע בליקן, פון נישט שטיין נאָך אים און פון הונדערטער אַנדערע קלייניקייטן, וואָס פאַנגען און ציִען, אַזוי ווי עס ציט דער סוד און די אומבאַשטימטקייט...

## .X

ראַפאַל איז געקומען אַ פאַרבענקטער און אַ גליקלעכער. דורכן היינטיקן טאָג איז ער עפּעס ייִנגער און שטאַרקער געוואָרן. שוין לאַנג האָט ער נישט געפילט אַזאַ האַסטיק שטראָמען פון בלוט אונטערן האַרץ און אַזאַ קרעפטיקייט אין די ביינער. ער איז געקומען מיט זיכערע טריט, ווי מען קומט אין אַן אייגן הויז און ווו עס וואַרט ווער מיט אָפענע אָרעמס און מיט לאַנג-אויסגעקוקטע אויגן.

דער טאָג נאָכן באַל איז באַ אים געווען דער טאָג פון ניי-געבוירן ווערן. ער האָט געקויפט בלומען און יעדע בלום האָט געאָטעמט מיט זיין פרייד און מיט זיין ייִנגקייט. ער האָט יעדע מינוט געוואָלט לויפן צו מירלען, פאַלן איר צו די פיס און אויף אַ זיידן קישעלע צוטראָגן איר זיין ניי-געבוירן האַרץ. ער האָט געציילט די שעהן, ווען דער פאַרנאַכט וועט צופאַלן — ער זאָל קענען קומען, ווען מירל וועט זיין אַליין און ווען קיינער וועט נישט קענען שטערן זייער פרייד.

נאָר גראָד האָט אים די צייט אָפגענאַרט. אין מירלס עס-צימער איז געווען ליכטיק. אַ חוץ דעם מאַן איז געזעסן מירלס שוויגער, מיט אַן אויסגעגעבענער טאָכטער. מירל האָט וואַרעם און פאַרטון געשמועסט מיט זיי, זי האָט קוים אַ בייג געטון צו ראַ-פאַלן מיטן קאָפּ.

ראַפאַלן האָט אַרומגענומען אַ געפיל פון בושה און גע-פאַלנקייט.

עס איז נישט געווען די מירל, וועלכע ע האָט זיך געריכט צו טרעפן, נאָר אַ פרעמדע, אַזוי ווי ער וואָלט זי קיינמאָל נישט געזעען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און נישט געהאַט, ווו די הענט אַהינצוטון.

די פרויען האָבן געשמועסט באַזונדער, און מירלס מאַן האָט אים געשטעלט פון צייט צו צייט פראַגן, אויף וועלכע ער האָט גע־ענטפערט אייגס איבערן צענטן און מורא געהאַט, מען זאָל נישט באַמערקן זיין צערידערטקייט.

אין מיטן שמועס האָט זיך מירל דערמאָנט און אַזוי ווי אומישנע — אים הויך געדאַנקט פאַרן קויש בלומען.

ער האָט אויפגעציטערט. אַ גאַנצע צייט האָט ער געטראַכט וועגן די בלומען: האָט זיי מירל ד רהאַלטן — אָדער נישט? אויב יאָ — וואָלט ער שטאַרק נישט געוואָלט דידאָזיקנ לייט זאָלן עס וויסן. און אָט איז זי געקומען און מיט אַן אויפגעבלאָזענער גאווה אויסגעפלוישט פאַר אַלעמען, אַז ער האָט איר גלומען גע־שיקט.

— ווי קליינלעך פרויען זענען! — אינדערהיים האָט זיך אים געחלומט, אַז דער קויש בלומען וועט זיין פאַר איר דער סוד פון זיין ליבע. ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין דאַנק און נישט צוליב דעם האָט ער זיי געשיקט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בלעטל פון גרויסן בוך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן צווישן אים און מירלען. איז זי געקומען און אויסגעריסן עס.

— מירל איז אַ פעלער — האָט ער מיט פאַרביטערטקייט געטראַכט — אַ גרויסער, קרומער גרייז. זי דאַרף זיין מיאוס, אַזוי מיאוס, ווי ס'איז איר אינערלעכער מהות.

און ווי אויף להכעיס האָט זי גאָט געבענטשט מיט דער שטילער שיינקייט פון אַ מאַדאָנע און מיט דער גרויסער פרייד פון לעבן און גליק. וואָס אַרט זי דען, ווען איינער ווערט פאַר־ברענט, דער צווייטער — משוגע, און דער דריטער ציט זיך דעם שטריק אויפן האַלדז אַרויף?

— מירל — האָט ער געוואָלט קלאַפן מיט דער פויסט אין טיש אַריין — דו, אויסגעפיעשטשעט, פאַרדאָרבן ווייבל האָסט מיך

געכּישופט מיט דיין פאַרשאָלטן ליבּ און געגנאַרט מיך, אַזוי ווי דו נאַרסט דיין מאַן. דו בּיסט ד י ך נישט ווערט, מירל! איך האָבּ מיך געהיטן פאַר דיר, ווי די מויז היט זיך פאַר דער קאַץ, און דו האָסט מיך דאָך געפאַנגען. איך ליג בּאַ דיינע פיס, ווייל איך בּין משוגע געוואָרן און דיך ליבּ געקריגן.

ער האָט זיך געפּאַסט צו זיין שטאַרק און צו קענען אויסהאַלטן.

— און אפשר בּיסטו נישט שולדיק? — האָט אַ נייער געדאַנק אויפגעלויכטן אין מוח, ווען ער האָט זיך פלוצלינג געטראָפן מיט אירע אָפענע אויגן, וואָס האָבּן אויף אַ רגע אויפגעשיינט מיטן נעכטיקן גלאַנץ — אפשר מוזסטו שפּילן אַצינד?

— דיין שוויגער מוז דאָך דיך האַלטן פאַר אַ כשר, יידישע ווייבּעלע. ווילסט אפשר פועלן עפּעס בּאַ איר, אויסנאַרן: דו האָסט דיינע חשבונות, מירל! אָבּער פאַרוואָס הערסטו נישט, ווי אין מיר וויינט מיין נעכטיק גליק?

ער האָט געוואַרט, בּיז ס'וועט ווער אַוועקגיין און בּשום אופן נישט געקענט זיך דערוואַרטן. מירל האָט געהאַלטן אין איין פרעגן און דערציילן, אַזוי, אַז ס'האָט אויסגעזען, דאָס זי פאַרהאַלט זיי אומישנע.

— איר וועט טרינקען טיי, הער ליפּסקי? — האָט זי איבּ פון יוצא-וועגן געפרעגט, און אין איין וועגס אָנגעקלונגען נאָך דער דינסט.

— ניין, איך דאַנק אייך — האָט ער זיך אויפגעשטעלט.

— הער ליפּסקי, וואָס איילט איר אייך?

— איך מוז גיין.

— אָבּער אַ גלאָז טיי.

— ניין, מען דאַרף נישט.

ער האָט זיך גענומען געזעגענען.

ער איז געווען פאַרטון און נישט געזען, ווי מירל כאַפּט אַמאָל פון אַ זייט אַ בּליק אויף אים און פאַרשלינגט אין זיך אַ זיס נצחון-שמייכעלע.

ער איז געווען דערשלאָגן און מיד און נישט געוואָלט גע־ וועגנען זיך מיט איר...

נאָר, אַז ער האָט דערפילט איר האַנט אין זיינער — איז אים אַ הייסער ציטער אַדורך דורך די ביינער און אַ ניי־געבוירענע פרייד האָט זיך געוואָרפן אונטערן האַרץ.

מירל איז אין דער מינוט געווען זיינע, אַזוי ווי ער האָט זי זיך אויסגעחלומט, אַזוי ווי ער האָט זי געפילט נעכטן נאָך האַלבער נאַכט. ער האָט, דאַכט זיך, געהערט, ווי זי בעט אים — ער זאָל איר מוחל זיין, ער זאָל פאַרגעסן די פּאָר לאַנגווייליקע שעהן — וואָס ער איז אַציינד געזעסן, ווייל מען האָט אַרויפגע־ וואָרפן אויף איר קייטן.

ער האָט אַ קוק געטון איר גלייך אין פּנים אַריין און גע־ טראָפן זיך מיט איר בליק, אַ בליק פון שטילן צער און באַהאַל־ טענע יסורים, אַ פּאָר אויגן, וואָס דערציילן פון לאַנג אויסקוקן אויפן באַשערטן, פון פרייען זיך מיט זיינע מתנות און פון מוזן באַהאַלטן פאַר פרעמדע אויגן די שטילסטע און טייערסטע גע־ פילן.

---

איר לעצטער בליק האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט זי אין געדאַנק טויזנט מאָל איבערגעבעטן און טויזנט מאָל צוגע־ פאַלן צו אירע הענט און אַזוי אַרום געוואָלט זיך אויסקויפן באַ זיך אַליין. ער האָט זיך געשטראָפט, אַז ער איז לייכטזיניק, איי־ פערזיכטיק, אַ ליידע בלאָז פון אַ ווינטל פירט אים אַראָפּ פון גלייכן וועג. ער איז חושד, פאַרמיאוסט און בענקט נאָך דעם זיס־ שמערצלעכן געפיל, וואָס הייסט נקמה.

ער האָט אין זיך בייז בלוט. באַם מינדסטן, נישט־קלאָרן געדאַנק ווערט עס אויפגעקאָכט. ער וויל יענעם נישט פילן און נישט פאַרשטיין. ס׳איז אמת, וואָס מירל זאָגט, אַז ער קען זיך גאָרנישט אַזוי פיל, ווי זי קען אים. זי האָט עס אים אַמאָל פאַר־ געוואָרפן און ער האָט עס אָפּגעלייקנט.

ער וועט איר זאָגן, זי זאָל קלערן וועגן אים, וואָס זי וויל, זאָל זי אים זידלען און טרייבן, ווייל ער האָט זי געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך, ווייל ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט געוואָלט זי פאַרשטיין און מיטליידן.

אין יענער נאַכט איז זי אויסגעוואַקסן אין זיין האַרץ שע-נער און ריינער, ווי ביז אַהער. ער האָט דערפילט, אַז אַ חוץ רייץ און קערפּערלעך גליק, טראָגט מירל אין זיך צער. זי קען ליידן און שווייגן, זי קען דערשטיקן אין זיך יסורים, און דאָס איז אַזוי זעלטן בײַ פרויען פון איר אַרט.

אַ צייט לאַנג האָט ער זי צוגערעכנט צו יענע מינים חוהס טעכטער, וואָס אַלץ איז ווייניק פאַר זייער קליינלעכער תאווה, וואָס האָבן ליב אָפּצונאַרן די מענער, נישט פאַרן אימפּעט פון זייער בלוט און נישט פאַרן דורשט צו געבן גליק, נאָר גלאַט אַזוי זיך — ס'זאָל אויסקומען פּיקאַנטער. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרטיפט אין מירלס נשמה. אים האָט נאָר גערייצט דער סוד, וואָס האַלט זיך אויף אין די ווייכע פאַלדן פון אירע קליידער. ער האָט זי תמיד אויסגעטון אין געדאַנק און קיינמאָל איר האַרץ נישט געזען. קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, אַז אין אירע אויגן ליגט דער ווייטיק פון נישט פרוכטבאַרקייט. דער פּיין פון נישט ליב האָבן דעם אייגענעם מאַן, מיט אַלע זיינע גליקן און פאַרגע-ניגנס.

ערשט אַצינד דערמאָנט ער זיך, אַז מירל האָט אים טייל-מאָל פאַרגעוואָרפן פחדנות און קריכעריי, אָנגעבלאָזנקייט און בויען שלעסער אינדערלופטן.

— איר זענט אַ בריה אין אייערע לידער — האָט זי אַנימלט אַ וואָרף געטון. ער האָט נישט פאַרשטאַנען דאַמאָלס דעם זין פון אירע ווערטער. ס'הייסט, אַז אין לעבן איז ער אַן אויסגעדראָשע-נע זאַנג, אַז דער מוח זיינער איז שוין אויסגעטריקנט. ער קען גאָרנישט געבן און גאָרנישט נעמען.

איר מירלען האָט זיך געריסן דער דראַנג צום לעבן, דאָס געפיל צו דערפרייען זיך און יענעם — און ער האָט זיך גע-שפּילט אין ווערטער.

ער האָט דערשפּירט אַ קאַלטן אָטעם אין דער נשמה, און אַרום אים, האָט זיך געדאַכט, נעמט זיך טראָגן אַ קנאַקן פון טרוי־קענע ביינער.

ער איז עלטער פון מירלען, אפשר מיט אַ יאָר אַכט, אָדער צען, און שוין טראָגט ער אין זיך דעם זוימען פון גרויע קעפּ און פאַרטויבטע געפילן. ס'קען זיין, אַז ער איז אַזוי ווי יענער אומגליקלעכער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט דאָס גליק. און אַז ער איז שוין געקומען דערצו, האָט ער גראָד פאַר־מאַכט די אויגן און... דאָס גליק איז פאַרבייגעגאַנגען. מירל האָט געפלאַטערט אַרום אים, ווי אַ ווייס זומער־פויגעלע, און ער האָט זיך פאַרקוקט ערגעץ אין אַ זייט און דאָס פויגעלע נישט דערזען...

## XI.

ווער האָט עס אָבער יאָ דערזען? דוד?...

ראַפאַל ווייסט, אַז דודס גליק איז פאַר מירלען אומגליק. אָבער וואָס איז געוואָרן מיט איר? האָט זי שוין צוריק איר וועג געפונען? דאַרף זי שוין מער נישט די אַלע אַזשעכס און לע־וועגשטייגס?

אַ נייַ גליק איז געבוירן געוואָרן. און דאָס גליק הייסט: מירל און דוד.

דער באַל, האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט געזאָלט זיין דער ווידענער פאָדעם, וואָס האָט געזאָלט פאַרקניפּן אים מיט מירלען. האָט ער זיך אין מיטן איבערגעריסן, אָדער האָט ער זיך גאָרנישט אָנגעהויבן וועבן?

ער האָט געמיינט אין אָנהויב, אַז ער האָט אַ טעות, און כסדר פאַרענטפערט מירלען, כסדר געזוכט אויף איר אַ זכות און אפילו גרייט געווען — זי טויזנט מאָל איבערצובעטן — פאַרוואָס ער לאָזט זיך צו אויף איין מינוט אַ שלעכטן געדאַנק וועגן איר. נאָר וואָס ווייטער אַריין, האָט ער דערפילט, אַז מירל הייבט זיך אָן דערווייטערן פון אים.

דעם אמת גערעדט — האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָ געשיט און וואָס זי וויל? צו וואָס האָט זי אים פאַר־בעטן אויפן באַל? צו וואָס האָט זי אים מיט בליקן און מיט

שטילע גלעטן געגעבן אָנצוזעהערן, אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו אים, אַז אין די טיפענישן פון איר האַרץ וואַרפט זיך פאַר אים אַן אויסגעבענקט געפיל? צו וואָס?

— און וואָס וויל זי מיט דעם איצטיקן שפּיל? זי האָט זיך דאָך געמוזט באַ עפּעס וואָס אָפּשטעלן. האָט זי זיך גענאַרט אין אים? איז ער טאַקע שולדיק? אָדער איז זי נישט מער, ווי אַ ליידנשאַפטלעך ווייבל, וואָס איין מאַן איז איר ווייניק? מירל, פאַרוואָס רעדסטו נישט? פאַרוואָס לאָזסטו מיך נישט צו די?

ער האָט געוואָלט פרעגן, בעטן, נאָר בשום אופן האָט ער נישט געקענט קומען צום וואָרט.

אין מיטן טאָג איז זי קיינמאָל אין דערהיים נישט געווען. אויף דערנאַכט — האָט ער כמעט שטענדיק געטראָפן מאַן-און-ווייב אַראָפּגיין פון די שטיגן — ביידע שמייכלדיקע און צופרידענע.

צום טיוול, אין וואָס פאַרא פאַרכשופט ראָד דרייט ער זיך עפּעס אַרום? ווער טרייבט אים אַהער און מיט וואָס גייט ער אוועק? פאַרוואָס גיט ער זי נישט אַ שליידער אַוועק פון דעם נאַרישן סוחר.

— מירל, וואָס ווילסטו?

פאַרוואָס ווערט ער צוריקגעזעצט און קען מער נישט, ווי הכנאהדיק פרעגן:

— ווּהין?

— שפּאַצירן. איר וועט, אפשר, מיטגיין, הער ליפּסקי?

מען זאָגט עס פאַר יוצא וועגן, נאָר ווילן וויל מען אָבער פון אים פּטור ווערן.

אַ סך מאָל גייט ער מיט אַ שטיקל וועגס. דערשלאָגן, אויסגעלאַכט. אַ סך מאָל פאַ־וואַרפט ער דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און לויפט איבער די גאַסן, ווי אַ געשלאָגענער הונט.

מירל רופט אים שוין נישט מער „ראַפאַל”, נאָר „הער ליפּסקי”. קאַלט און קורץ. דערדאָזיקער צונאָמען שטעכט אים

אין די אויערן, אזוי ווי ער וואָלט נישט געווען זיינער. האָט ער פון תמיד אָן אזוי געהייסן? צי איז באַ אַלע זיין צונאָמען אזוי ווילד־פרעמד אַרויסגעקומען?

אַ שד וואַרפט זיך אין מירלען. אַ גייסט פון די יעזוּטישע צייטן. ער פילט, אַז אַלץ טוט זי אומישנע. זי האָט אַ באַ־שטימטן, אויסגערעכנטן וועג. זאָל דאָס הייסן נקמה? אָבער פאַר־וואָס? מוז מען אַזוי אַרום ליידן, מען זאָל צו דער גרויסער ליבע קומען?

— מירל, הערט מיך אויס אַ מינוט.

זי האָט נישט קיין צייט. תמיד איילט זי זיך און תמיד לאָזט זי אים איבער אין דערמיט.

ער האָט זי איינמאָל אָנגעכאַפּט פעסט פאַר די הענט און נישט מיט זיין קול אַריינגעשריגן איר אין פּנים אַריין:

— וואָס ווילט איר, פאַרוואָס פייניקט איר מיך?

זי איז געוואָרן אָנגעצונדן, די אַפּלען האָבן געגומען צי־טערן, ווי באַ אַ געשלאָגענעם. מיט אַ פאַרקרומט מויל האָט זי אַרויסגעריסן די הענט פון זיינע, און פון צווישן די פאַרהאַקטע ציין אים געוואָרפן:

— וואָס בין איך אייערס, וואָס איר דערלויבט זיך אויף אַזאַ חוצפה?

זי איז געווען גיפטיק. ראַפאַל האָט זיך דערשראָקן. ער האָט דערפילט אַ ווייסן גלאַנץ פון אַ האַק איבערן קאָפּ און מורא געהאַט זיך אויפצושטעלן: טאָמער וועט אים די שאַרף טרעפן. ער איז אַוועק פון איר דאַמאָלס, ווי אַ בעטלער, און אַרומגעדרייט זיך אונטער אַלטע פאַרקאַנעס און ביי אָפענע טייכן.

---

עס טרעפט אַמאָל, אַז מירל ווערט שטילער. ס׳קען זיין, אַז זי דערמאָנט זיך אָן די גליקלעכע שעהן, וואָס זי האָט פאַר־בראַכט מיט ראַפאַלן — און זי לאָזט אים רעדן צו זיך.

אָבער וואָס איז דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס איז געווען מיט געציילטע וואָכן צוריק?

זײַן פּערזאָן אַרט זי כמעט נישט. עס זעט אויס — אַזוי ווי זי וואָלט אים גאָרנישט געזען. זי זיצט אַ קאַלטע און אַ שטו־מע. אַז נישט שפּיגלט זי זיך יעדע ווײַלע אין אַן אַנדערן שפּיגל. אַז דאָס ווערט איר פּאַרמיאוסט, צעלאָזט זי די האָר און שפּילט זיך מיט זיי, ווי אַ קאַץ מיט איר אייגענער פעל. און ער רערט.

עס איז געווען אַ צײַט, ווען ראַפאל פלעגט מירלען טרעפן אין רײַצנדע, זײַדענע קליידער, האַלב־צעלאָזטע און טיף־אויסגע־שניטענע, אַזוי, אַז איר קליינער קערפּער האָט אַרויסגעלויכטן פון זיי. הײַנט צירט זי זיך אין טונקעלע, פאַרמאַכטע בלוזעס, מיט פרום־אַראָפּגעלאָזטע אַרבל.

אַלץ האָט זיך פאַרשווערט קעגן אים. אפילו דידאָזיקע פאַרשאָלטענע קליידער רײַצן זיך מיט אים און לאַכן אין פּנים אַרײַן:

— נישט פאַר דיר. אַן אַנדערער באָדט דאָס פּנים אין אי־רע ברוסטן. אַן אַנדערער פּירט די האַנט איבער איר סאַמעטענער הויט. פאַר דיר איז דאָס גליק פאַרשלאָסן.

— אָבער פאַרוואָס? — שרײַט אין אים דאָס האַרץ — צום טײַוול — פאַרוואָס? האָסטו מורא פאַרן מאַן? אָדער בין איך דיר פאַרמיאוסט? זאָג דעם אמת, וועל איך אַוועקגיין!

מירל דערשפּירט, אַז בײַ ראַפאַלן הייבט אָן דאָס בלוט צו רעדן — נעמט זי אים פאַרשיטן מיט ווערטער, דערציילן אַלטע, לאַנגווײַליקע געשיכטעס, וואָס נישט זי פּילט זיי און נישט זי ווייסט פונוואַנען זיי שטאַמען. און לאָזן לאָזט זיך אויס, אַז ער פאַרלירט זיך און בלײַבט זיצן געפּלעפט...

— ווי קענט איר אַלץ איבאײנעם אין זינען האָבן נאָר זיך? — האָט זי אים פאַרגעוואָרפן, ווען ער האָט זיך אײנמאָל צערעדט.

— וועמען דען זאָל איך אין זינען האָבן?

— וואָס הייסט, וועמען דען? עס לײדן אַזוי פיל מענטשן. מען שטאַרבט, אײדער מען האָט נאָך אָנגעהויבן לעבן, און איר זינגט אַלץ אײער אַלט, אויסגעזונגען לידל.

— און וואָס טוט איר?

— איך?

— יאָ, איר?

— איר זענט נישט דערצויגן, הער ליפּסקי.

— איז דאָס דער ענטפער?

— איך וואָלט אײך, אײגנטלעך, נישט געדאַרפט ענטפערן, נאָר זאָל מײנס איבערגײן.

— איך פאַרשטײ אײך נישט.

— אַלץ אײנס... איך וועל אײך זאָגן, וואָס איך טו. איך, הער דיכטער, פיל כאָטש מיט, מיט יענעם. וואָס איך קען, טו איך... אַמאָל אַ גוט וואָרט, אַמאָל... איך ווייס וואָס? און איר — גאָרנישט...

— איר זענט, אפשר, גערעכט — האָט ראַפאַל מיט אַן אויסגעשפּיצט פנים געצויגן פאַמעלעך די ווערטער.

-- אוודאי בין איך גערעכט. לאָמיר אָנגעמען אַצינד: איך בין שרעקלעך נישט אויפגעלײגט צו פירן מיט אײך אַ וואָסער עס איז געשפּרעך.

— פאַרוואָס?

— איך קען נישט. איך בין צופיל גערירט פון אַן אומגליק.

— וואָסער אומגליק?

— אײנע פון די בעסטע פרײנדינס מײנע איז געשטאָרבן. אַ מײדל — אַ בלום, און אין די בליענדיקסטע יאָרן.

אין ראַפאַלס אויגן האָט אַ ציטער געטון אַ שפּיציק, נישט־היימלעך פײערל. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז מירל זאָל קע־

נען זאָגן ליגנט. און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן? מיט אַזעלכע קליינ־לעכע, גראָשנדיקע מיטלען. די פֿאַלשקייט און דער געמאַכטער צער האָבן אים, ווי מיט נאָדלען געשטאָכן. יעדעס וואָרט אירס איז געפֿאַלן, ווי שווער פֿאַרסמט בליי.

— אָבער, וואָס אַרט עס מיך, וואָס אייער פֿריינדין איז גע־שטאָרבן! — האָט ער מיט חוצפּה איר אַ וואָרף געטון.

— איר זענט אַן אכזר? — האָט זי אים מיטן גאַנצן האַרץ צוריקגעוואָרפֿן.

— און איר זענט אַ כּשר, ייִדיש ווייבל. וואָלט נישט גליי־כער געווען — איר זאָלט אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער ווערן?

מירל האָט פֿאַרקריצט מיט די ציין. זי האָט דערפֿילט זיין שטאַרקייט און דעם קלוגן, ביטערן שמייכל, וואָס פֿלעגט זיך אין אַזאַ פֿאַל וויקלען אַרום זיין מויל. זי האָט נישט געענטפֿערט. עפּעס האָט זי מורא געקריגן — ראַפֿאַל זאָל זי נישט כאַפּן פֿאַר די האָר און שלעפּן איבער דער ערד.

אַ מינוט איז געווען אין ביידע האָבן זיך דערפֿילט: זי — אַ געטראָפֿענע מיט אַן אַפּן בלוטיק האַרץ און ער — אַ שטאָל־צער און אויפֿגעוואַכטער. זי — מיט אויגן פֿאַרקוקטע אין אַ ווינקל, ווי אַ פֿאַרמשפּטע, און ער — גלייך און אויפֿגעהויבן.

ער האָט נישט געוואָלט מער אויפֿרייסן מירלס פֿאַלשקייט, האָט ער איר שטיל די האַנט דערלאַנגט און אַוועקגעגאַנגען.

אויף די שטיגן האָט ער געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער גייט אַראָפּ פֿון איר צום לעצטן מאָל, און דאָס האָט אים אויף אַ מינוט שיִער נישט די געהירן איבערגעקערט.

די פֿאַרביסנקייט איז, ביסלעכווייז, אַריבער. אין מח איז קלאָר געוואָרן, און אַ ווייטיק האָט גענומען ציִען באַם האַרץ. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס נעמט אָפּשטאַרבן יענץ לעבעדיקע געפֿיל, וואָס עפֿנט: פֿאַר איינעם די טויערן פֿון גן־עדן און פֿאַרן צווייטן — דעם אָפּגרונט צווישן די בערג. עס איז אים אַ שאָד געווען זיך אַליין און ס'איז אַ שאָד געווען מירל. סוף כּל סוף בלייבן זיי ביידע איינזאַמע און פֿאַרלאָזטע. פֿרעמדע פֿאַר אַנדע־רע און פֿרעמדע — פֿאַר זיך אַליין. עס איז נישטאָ קיין פֿאַרב

און ס'איז נישטאָ קיין געזאַנג אָן מירלען. עס איז נישטאָ דאָס שטענדיקע ציטערן נאָך איר. דאָס שטענדיקע באַגערן און נישט קענען קומען דערצו. עס איז, אפשר, דאָ די גאַנצקייט, דאָס צו־ריקגעפונען זיך און די רויקייט. אַזוי אָבער ברענט אַליכט: נישט עס מאַכט העל און נישט עס מאַכט פינסטער...

## XII.

ער האָט זיך געוואָרפן צו דער אַרבעט. גאַנצע טעג איז ער געזעסן איבער זיינע שריפטן, געמעקט און צוגעשריבן. עס זענען געווען מינוטן, ווען ער האָט פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַ מירל אויף דער וועלט, און אַז צווישן אים און איר איז עפּעס פאָרגעקומען. ער האָט זיך געפילט דערהויבן, יומטובדיק. דער שמערץ פון שאַפן האָט אים פאַרשלונגען. ער האָט געקלערט כּסדר וועגן איין זאַך: אַז דאָס געזאַנג פון זיין האַרץ זאָל אַרויסקומען, וואָס ריינער און ערלעכער.

איז אַמאָל מירל געקומען אויפן רעיון, האָט זי אויסגעזען אַזוי בלייך און אָרים, ווי ס'זעט אויס אַ שטויבל אין אַ גרויסן באַרג גאָלד. ווער האָט געפילט דערפאַר? ווענעמס אויג שטעלט זיך אָפּ באַטראַכטן עס? און וואָס איז דען אייגנטלעך מירל, אין פאַרגלייך מיט דעם גרויסן און אייביקן, וואָס ער לעבן איבער באַ יעדן וואָרט? וואָס פאַר אַ ווערט האָט איר פרייד, אָדער צער, איר גליק, אָדער אומגליק, אין פאַרגלייך מיט דעם ציטערן פון זיין נשמה, וואָס גייט אויס אין הייליקן חלשות פון שאַפן?

עס האָט נאָך קיין שום פרוי נישט פאַרשטאַנען דעם קינסטלער, און קיין שום פרוי האָט נאָך נישט אַרויפגעלייגט איר אָטעם אויפן קינסטלערס אַ ווערק. אויב מען זאָגט, אַז פרויען מיט פיין-פילנדע נשמות לאָזן איבער זייער צאַרטקייט אויפן דיכטערס

קלאָנגען, אָדער אויפן מאָלערס פּאַרבן — איז עס אַ ליגן! נישט בעאַטריטש אויף דאַנטען און נישט קאָלאָננאַ אויף מ׳שׂל אַנזשעלאָ... זאָלן די ביאָגראַפן בלאָזן אין די שופרות און נישטערן דאָס גאַנצע לעבן אין די דיכטערישע נשמות — עס בלייבט פאָרט אַ ליגן.

איז דען נישט מירל סובאָטעל? האָט זי דען נישט דעם געשליפּענעם, אויסגעלייטערטן געשמאַק? און וווּ איז איר השפּעה? וואָס האָט ער דען געשאַפן צוליב איר? ער איז געווען פאַר איר, ווי יעדער איינציקער, וואָס האָט דאָס גליק געבוירן צו ווערן אַ מאַנספּערשוין.

ס׳קען זיין, אַז דאָס איז, אפשר, דאָס געזונטע און נאַטירלעכע אין דער פּרוי. עס ווערן נישט געבוירן קיין קינסטלער, נאָר מענטשן, מענער און פרויען. בלוט ווייסט נישט פון קיין שטאַנדן און פון קיין קלאַסן. עס רייסט זיך אַהין, ווו דאָס לעבן ציט. מירל האָט קיינמאָל אין אים דעם דיכטער נישט געזען. זי האָט נאָר געזוכט אין אים דאָס, וואָס איר פרויען-אינסטינקט האָט איר געוויזן.

אָבער צו דעם דאַרף מען דאָך נישט האָבן אַזוי פיל ראַפינירטן געשמאַק! עס געניגט דוד, דער סטודענט אָזשעך און אפילו דער אָפּגעלעבטער לעווענשטיין.

ער פאַרשטייט נישט, וואָס האָט זי אייגנטלעך געוואָלט? פאַרוואָס האָט זי אים צוגעצויגן צו זיך, און פאַרוואָס האָט זי אים אַזוי אָפּגעשטופּט פון זיך?

נאָר אַלץ איינס. ער וויל נישט קלערן. ער וויל רויִק אַרבעטן. דער נעפּל, וואָס האָט, ווי אַ דיקער שפּין-געוועב אַרומגענומען די לעצטע צייט פון זיין לעבן, וועט, אפשר, אַזוי אַרום צעגיין.

---

ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער גענומען באַטראַכטן דאָס אויפגעשריבענע. אָבער ווי קאַלט איז געבליבן דאָס האַרץ. ער האָט נישט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געפילט, דאָס, וואָס האָט אים אַזוי דערהויבן און יום־טובדיק געמאַכט, איז אַרויסגעקומען בלאַס, שיטער. אומעטום האָט עפּעס געפעלט. אויף איין אָרט ווייניק געזאָגט, אויפן צווייטן — צופיל. און אין גאַנצן גענומען האָט דאָס אָנגעוואָרפענע נישט געהאַט קיין לופט. עס האָט זיך געפילט, דאָס וועלן פאַרטויבן זיך אַליין, דאָס וועלן דערטרינקען ווערן אין דער שמערצלעכער פוסטקייט, וואָס מירל האָט איבערגעלאָזט.

ער האָט אַוועקגעוואָרפן פון זיך די כתבים און גענומען שפּאַנען מיט הויכע טריט איבערן קליינעם צימער. ער האָט שוין מורא געהאַט נאָכאַמאָל אַריינצוקוקן אין דעם בינטל פּאַפּיר. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז פון דאָרטן וועט ער באַקומען דעם לעצטן קלאַפּ. ער האָט מורא געהאַט, אַז די שורות, אין וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל מאַרך און בלוט — וועלן אים אַרונטעררייסן און ווייזן זיין גאַנצע נאַקעטקייט, זיין וואַקלען זיך און נישט קענען דערגרייכן צו דעם איינפאַכן, וואָס ליגט אָפן און פריי פאַר אַלע מענטשלעכע הערצער.

ער איז אַ דיכטער. נאָר וואָלט דען נישט גלייכער געווען — ער זאָל ווייניקער דיכטן און מער לעבן?

ער האָט געקריצט מיט די ציין און געוואַרט אויף אַ מינוט — מען זאָל אים קומען זאָגן, אַז מירל איז געשטאָרבן, אָדער, אַז זי איז גאָרנישט געבוירן געוואָרן און ער האָט זי קיינמאָל נישט געקענט.

ער איז דאָך פאָרט אַמאָל געווען אַן אַנדערער. געווען אַ צייט, ווען ער האָט שטאַרק געליבט אין זיך, ווען ער האָט געקענט אויסלאַכן און מבטל מאַכן יענעם, אַרונטעררייסן אַלץ, וואָס מענטשן האָבן פאַרהייליקט.

דער עיקר האָט ער ליב געהאַט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט די שענסטע געפילן, וואָס פּרויען פלעגן אים אַרויסווייזן. אַ מין פיזישע הנאה האָט ער געהאַט, ווען ער האָט אָפן געקענט זאָגן אַ מיידל, אַז זי איז פאַרליבט אין אים, אָדער — אַז זי

איז נישט דערוואַקסן צו פאַרשטיין, וואָס ער וויל און ווער ער איז.

ער האָט געהאַט גליק. בײַ די ערשטע באַקאַנטשאַפטן האָבן אים פרויען ליב געקריגן. ער פלעגט רעדן צו זיי מיט אַ ציטערדיק ווייך קול און פלעגט קענען אָנרירן די זײַדנסטע פעדעם פון זייערע הערצער. ער איז געווען זיכער, אַז יעדע פון זיי חלומט וועגן אים און וויל צו אים אַ כּלה ווערן. נאָר וואָס לענגער די באַקאַנטשאַפט האָט זיך געצויגן, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן ווערן נישט אויפן אָרט. אַ סך מאָל — גראָב, און אַרויסגערופן צו זיך שנאה. מען האָט אים נישט פײַנט געהאַט סתּם, נאָר געהאַסט. מען האָט געקריצט אויף אים מיט די ציין, געוואָלט דערלעבן די מינוט, ווען ער וועט בלײַבן אומבאַהאָלפן און פאַלן.

ער האָט עס געוווּסט. נאָר רוּיִק ווײַטער געטון זײַן אַרבעט. ער האָט זיך נישט באַליידיקט, ווען מען האָט אים געוואָרפן אין פּנים אַרײַן, אַז ער איז אַ נאַר, אָדער — אַז דער ציניזם פּאַסט אים נישט צום יונגן פּנים. ער האָט געשניטן ווײַטער, ווי מען שנײַדט מיט אַ קאַלט מעסער.

אַזוי אַרום איז ער געקומען צו מירלען, צו דער יונגער, לײַכטער פרוי, וואָס האָט געקענט שפּילן און רייצן, פאַנגען און טויטן, ליבן און לאַכן. ער האָט אָנגעהויבן שנײַדן מיט דעם אייגענעם מעסער און נישט געפילט, ווי מירל וועבט אים שטילערהייט אַרום, אַזוי ווי די שפּין וועבט אַרום די פליג.

איז ער געפאַלן? איז מקוים געוואָרן די האָפענונג פון יענע אויסגעלאַכטע?

די גאַנצע צײַט, וואָס ער האָט זיך געקענט מיט מירלען, האָט ער זיך, אייגנטלעך, געראַנגלט מיט אַ פרעמד געפיל, וואָס האָט אים געוואָרפן: אַ מאָל אין קעלט און אַ מאָל אין היץ. ער האָט נישט געוווּסט, צי פאַרליבט ער זיך, צי הויבט ער אָן דאָס לעבן אויפס ניי. אָדער, צי האָט ער שוין אַלץ געענדיקט און ער מוז דעם וועג אָפּרוימען פאַר אַנדערע — שענערע און יונגערע פון אים. ער האָט זיך געראַנגלט, ביז ר'איז געבליבן בלייך און אָן כּוח. אַצינד ווייסט ער אויף קלאָר, אַז ער איז פאַרליבט. פאַרליבט, ווי אַ יונג, נאַריש סטודענטל.

ער האָט גערעכנט, אַז די אַרבעט וועט אים ברענגען רו. ער וועט סוף כּל סוף מוזן פאַרגעסן. נאָר דאָ האָט ער זיך אויך אָפּגענאַרט. עס איז אים אַלץ פאַרמיאוסט, אַלץ לאַנגווייליק. נאָך וואָס, אייגנטלעך, אַרבעט ער, און פאַר וועמען? ווער דאַרף זיין שאַפן? עס זענען געווען גרעסערע און שטאַרקערע פון אים און זענען אויך פאַרגעסן געוואָרן.

ער האָט אינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און גענומען זיך אַרומדרייען סתם ליידיק. געגאַנגען אין די קאַפע־הייזער, אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די גאַסן, צוגעקוקט זיך צו מענטשלעכע פּנימער, נאָר אַלץ האָט אים אויסגעזען אָפּגעלעבט. פון יעדן פּנים האָט ער אַראָפּגעלייענט זיין אומבאַהאָלפנקייט, זיין אָפּגעשטאַנענקייט. ער האָט געוואָלט געפונען כאָטש איין בליק, כאָטש איין לעבעדיקן ציטער, וואָס זאָל אים אויף אַ מינוט אויפמונטערן און מאַכן פאַרגעסן. נאָר, צי האָבן זיך די מענטשן אָפּגערעדט? אָדער זענען זייערע הערצער דורכגעפוילט? ווייסט עס דער טייוול.

ער שעמט זיך מיט זיין סוד. נאָר באַהאַלטענערהייט קוקט ער נאָך פרויען — טאָמער וועט ער דערזען מירלען. ער האָט זיי אַלע פיינט. נאָר אַלע ציִען אים.

יעדע פון די פרעמדע האָט אים מיט עפּעס אַנדערש דערמאָנט אָן יענער. ער איז אַזוי פיל מאָל פאַרפירט געוואָרן און אַזוי פיל מאָל — אויפגעציטערט בּאַ אַ באַגעגעניש מיט איינער, וואָס האָט אים אויף אַ רגע אויסגעזען צו זיין מירל.

עס איז געווען ווייניק אָרט אויסצובאַהאַלטן זיך. ס'האָט גענעפעלט כּוח צו ש־ילן דאָס האַרץ.

ס'איז געווען פאַר אים צופיל און צו גרויס. ער האָט געוואָלט ס'זאָל געשען און נישט געשען.

און האָט ער זיך אָפּגענאַרט — איז ער אַ סך מאָל געבליבן מיט אַזאַ צופרידן געמיט, אַזוי ווי אויסגעלייזט פון אַ שווערער לאַנגער זינד.

ער האָט מורא געהאַט צו טרעפן זיך מיט מירלען און כּסדר געבלאָנדזשעט אַרום דעם הויז, וווּ זי האָט געוווינט. ער האָט געוווּסט. אַז ער טוט נאַריש, נישט באַרעכנט, נאָר אַזוי איז

עס שוין אויסגעקומען, אַז תּמיד האָט ער זיך געזען אונטער מירלס פֿענסטער.

— ס'איז אַ צופֿאַל — האָט ער געקלערט — אַן איינ־פּאַכער, אומשולדיקער צופֿאַל.

נאָר דער צופֿאַל האָט אים געיאָגט, אַזוי ווי עס יאָגט אַמאָל איינעם פֿאַר אומשולדיק־פֿאַרגאָסן בלוט.

אַמאָל איז ער פֿאַרבייגעגאַנגען האַסטיק, אַזוי ווי פֿון עמעצן געטריבן, און אַמאָל האָט ער זיך אין מיטן פֿאַרטראַכט, גע־פּרוווט אַריינגיין אין טויער, דערנאָך אויף די שטיגן, נאָר באַלד צוריק אַראָפּגעלאָפֿן, אַזוי ווי אַ גנבֿ, וואָס קריכט באַנאַכט צו פֿרעמדע טירן.

---

וועט ער שוין טאַקע מירלען קיינמאָל נישט זען? זענען שוין פֿאַרברענט אַלע בריקן און אַלע וועגן, וואָס פֿירן צו איר? ווער, אייגנטלעך, איז שולדיק? און פֿאַרוואָס איז עס אַזוי געשען? טוט ער גוט, וואָס ער גייט נישט אַרויף? אפֿשר זיצט זי דאָרט און וואַרט.

אַמאָל האָט זי דערשטיקט איר פֿרויען־שטאָלץ און איז גע־קומען צו אים. נישט אַלע מאָל אָבער קען מען דאָס טון. און נישט אַלע מאָל איז די פֿרוי איינע און דיזעלבע.

עס איז געקומען אַ צייט, וואָס ער מוז פֿאַרבייגן זיין כּבֿוד. זאָל די האַנט נישט ציטערן און זאָל דאָס האַרץ בלייבן רויִק. ער וועט גיין! מענער זענען דרייסטער און געשיקטער.

און... ער איז געגאַנגען אָנגעשטרענגט, כּמעט ווי זיכער, נאָר יעדעס מאָל איז ער אַראָפּ פֿון די טרעפּ מיט דעם אייגענעם, מיט וועלכן ער איז געקומען...

* *
*

נאָר צי האָט אים מירל דערבליקט דורכן פענסטער? אָדער האָט זי, אפשר, דערפילט, אַז דאָס שפּילנדיקע װענטל, װאָס זי האָט אױפֿגעשטעלט צװישן זיך און ראַפאַלן — הײבט אָן װערן אַ שװערע פֿאַרשאָטנטע װאַנט?

אײנמאָל, װען ראַפאַל האָט מיט אײַלענדיקע טריט געװאָלט פֿאַרבײַ פֿאַר איר טויער, איז זי פּלוצלינג פֿאַר אים אויסגעוואַקסן. מיט אַ ציטערנדיקע פֿאַרשעמטע שטים, אַזױ װי אַ קינד, װאָס װיל איבערבעטן די מוטער, האָט זי אַ רוף געטון:

— ראַפאַל!...

ער איז געבליבן שטײן מיט אַמאָל. פֿאַר די אויגן האָבן זיך גענומען װאַרפֿן דראַבנע, קײַלעכיקע פֿײַערלעך, װי בײַ אײנעם, װאָס האַלט פֿאַר חלשות.

אין דער ערשטער מינוט האָט ער געװאָלט איבערבעטן און אַנטלױפֿן. נאָר מירל, װאָס האָט דערפֿילט זײַן באַװעגונג, איז צו־געגאַנגען צו אים נאָענט, און מיט אַ שטום געבעט, אַזױ װי ייִנגע זינדערינס, װאָס װאַרפֿן זיך פֿאַר די פֿיס פֿון זײערע באַצװינגער, נאָך אַמאָל אָנגערופֿן זײַן נאָמען:

— ראַפאַל!

— פֿרוי... פֿרוי... ער האָט געשטאַמלט און נישט געװוּסט, װאָס װײַטער צו זאָגן.

— פֿאַרװאָס פֿרוי? — האָט זי שטיל געצויגן — רופֿט מיך „מירל", „מירל".

— מירל. יאָ, װאָס מאַכט איר, מירל?

— גאָרנישט. אָבער... ראַפאַל!

— ?

— װוּ זענט איר? פֿאַרװאָס אַזױ פֿון דערװײַטנס?

ער האָט געשװיגן. טרערן האָבן געשטיקט אין האַלדז. ער האָט אין אײן מינוט פֿאַרגעסן אַלץ, װאָס ער האָט דורכגעליטן און דורכגעלעבט דורך דער צײַט, װאָס ער האָט מירלען נישט געזען. איר בלײך פֿאַרצערט פּנים און די שטילע װײטיקלעכע הכנעה, װאָס האָט גערוט אין אירע אױגן, האָבן אים טיף גערירט,

אַריינגעבראַכט אין יענער אויסגעבענקטער פרייד, ווען שטערבלעך־
קראַנקע דערפילן פלוצלינג דעם ערשטן צאַפּל פון צוריקגעקומע־
נעם לעבן...

# XIII.

מירל האָט אויסגעזען מיד און לײַדנד; אירע פּיכטע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן דערציילט פון אָפענע, אומרויִקע נעכט, פון אַרומפּלאָגן זיך אין די שטילע צימערן, און נישט־קענען געפינען זיך קיין אָרט. ראַפאַל האָט זיך דערמאָנט אָן יענע שוואַכע פרויען, וואָס גייען אַראָפּ פון קימפּעט־געלעגער, און יעדער ריר פון זייערע מידע אברים בעטן זיך — מען זאָל זיי נאָכגיין, מען זאָל זיי אַרומטראָגן און איינשלעפן.

אַזוי האָט אויך אויסגעזען מירל. אַ מין שמערצלעכע הייליקייט איז געלעגן אויף איר פּנים. אַ הייליקייט, וואָס קומט פון צופיל זיצן צווישן מויערן, פון אויסקוקן זיך די אויגן און וואַרטן אויף עמעצן, וואָס זאָל באַגליקן און באַשטראַלן.

— פאַרוואָס אַזוי לאַנג נישט געווען, ראַפאַל? — האָט זי אַלץ מיט דערזעלבער ציטערדיקייט אין דער שטים געפרעגט.

— איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, מירל.

— און מירל האָט געוואַרט, אַזוי לאַנג געוואַרט.

ראַפאַל האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און פּלוצלינג דערפילט, ווי ס'בלוט קומט אים אין קאָפּ אַריין. ער האָט געוואָלט איר אַ וואָרף טון, אַז זי האָט דאָך אַ מאַ. צוואָס דאַרף זי נאָך אים? נאָר יענע מינוט, ווען ער האָט געטראַכט, אַז מירל וואַרט, אפשר, אויף אים — איז לעבעדיק אויפגעשווימען און געהייסן פאַרבויגן דעם קאָפּ.

„נאָך וואָס ווידער זיך שפּילן אין ווערטער?"

— איר גייט ערגעץ אַצינד, ראַפאַל?
— יאָ, ס'הייסט — ניין. איך גיי נישט אין ערגעץ.
— קומט־זשע אַ ביסל מיט מ'ר.
ער האָט זי גערן געפאָלגט.

דער טאָג איז געשטאַנען אַ זוניקער. דער ערשטער יינגער טאָג, וואָס ווערט געבוירן פון הינטער פאַרפרוירענע וואַסערן און פאַרשנייטע פעלדער. די וואַרעמע ליכטיקייט, וואָס האָט זיך גע־גאָסן פון טיף־אויסגעלייטערטן הימל — האָט אויפגעפראַלט טיר־און־פענסטער און צעשפרייט איבער די נאָך פייכטע גאַסן, מענטשן מיט פאַרגרינטע פנימער און פאַרטרוקנטע ליפן.

און די פאַלדן פון די קליידער האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן דער אָטעם פון די לאַנגע ווינטער־נעכט מיט זייער פאַרפרוירענער שטילקייט. נאָר די אויגן האָבן שוין געברענט מיט יענעם שמחות־דיקן פייערל, וואָס דערמאָנט אין די ערשטע ווייסע בליקן אויף די קאַשטאַן־ביימער און אָן דעם ריח פון וואַסער, וואָס רייסט זיך פון הינטער די שווערע שטיקער אייז. דאָס ערשטע ווינטל, וואָס זאָגט אָן בשורות פון גרינע פעלדער, האָט געציטערט צווישן די פאַריתומטע צווייגן און הימלעך גערוישט, אַזוי ווי די מענטשן, וואָס האָבן געפלייצט איבער די אויפגעוואַכטע גאַסן, אָדער וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די אָפענע פענסטער און ברייט געצויגן אין זיך דעם דינעם שטויב פון דער זונס שטראַלן.

פרילינג! פרילינג!

קינדער — נאָך האַלב־ווינטערדיק אָנגעטון, מיט פאַררויטל־טע פנימלעך און יינגע בלישטשעלעך אין די אויגן, האָבן זיך גע־שפילט אונטערן ברייט־אויסגעלייטערטן הימל און צעגעפילט די לופט מיט אַ קלינגענדיק, דערפרייענדיק געלעכטער.

ראַפאַל מיט מירלען האָבן זיך אויסגעמישט צווישן די שפאַ־צירנדע און נישט געוווסט אייגנטלעך, וווהין זיי גייען.ביידע האָבן אין זיך געפילט דעם ערשטן הויך פון פרילינג, דעם ערשטן אָנזאָג פון ווידער־געבוירן ווערן און פון קענען געניסן פון לעבן.

שווייגנדיק האָבן זיי זיך פון מאָל צו מאָל געקוקט אין די

אויגן אריי, און איינער דעם אנדערן האט געוואלט אזוי פיל זאגן, אזוי פיל דערציילן, נאר די ווערטער זענען געווען צו ארים און צו קליין.

— איך בין אזוי גליקלעך! — האט מירל ווארעם און שטיל גערעדט.

— פון וואס?

— פון דער זון, פון מיר און פון אייך.

— פון מיר? — האט ראפאל ציטערדיק געפרעגט און מורא געהאט, זי זאל זיך נישט צוריקכאפן.

— פון אייך און פון דער גאנצער וועלט.

— פארוואס איז אייך אזוי גוט, מירל?

— פארוואס דען נישט?

— איך ווייס נישט.

— וואס ווייסט איר נישט? פארוואס זענט איר אזוי אזוי געבלאזן? מירל איז גארנישט שולדיק. זי האט זיך איינמאל א געלעכטער געמאכט, האט איר שוין פארגעסן אן איר.

פאר ראפאלן איז ווידער אויפגעשווומען זיין לעצט מאל זיין בא איר. און ווידער האט ער איר געוואלט ווארפן זיין גאנצן ווי און פיין, זיינע שלאפלאזע נעכט, זיינע ליידיקע, ביז משוגע צו ווערן, גרויע טעג. נאר מירלס אויסגעצויגן מויל און דאס פארבענקטע, אויסגעבלייכטע פנים האבן אים אנגעפולט מיט אזוי פיל ליבע און געטריישאפט צו איר, אז ער האט געוואלט אויף די קני פאלן און לאנג, לאנג זי איבערבעטן.

— און איך בין דאך אויך נישט שולדיק — האט ער מיט אראפגעלאזטע אויגן געענטפערט.

— זענען מיר דאך ביידע נישט שולדיק, פארוואס-זשע שווייגן מיר אזוי פארעקשנט? פארוואס-זשע היטן מיר זיך איינער פארן אנדערן? ראפאל! גיט מיר די האנט.

ער האט איר ציטערדיק דערלאנגט דעם ארעם און ביידע זענען אריין אין פארק.

א קילע שטילקייט האט זיך געטראגן פון די אלטע ביימער און א קאלטע פייכטקייט פון דער אויפגעוואכטער ערד. עס איז

געווען רויק און האַלב-ליידיק. ערגעץ אויף אַ באַנק איז געזעסן אַ יונג פּאָרל און געפּרייט זיך איינער מיטן אַנדערן. ערגעץ אַנדערש האָט זיך פאַרטראַכט אַן איינזאַמער יונגערמאַן, וואָס די זון האָט אים אַרויסגעיאָגט פון זיין קאַלט צימערל. אויף אַ דריט אָרט איז געקראָכן אַן אַלטער עמעריט, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן.

מירל מיט ראַפאַלן האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ פאַרוואָרפ, אָפּגעלאָזן ווינקל, וווּ די זון האָט זיך ברייט געשפּרייט איבערן דורכגעפרוירענעם, בלאַסן גראָז, און וווּ גרויע, צעשראָקענע פייגל האָבן זיך פון צייט צו צייט אָפּגעשטעלט און איינגעהערט זיך אין דער שטילקייט.

— מענטשן זענען נישט ערלעך — האָט ראַפאַל איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— מען טראַכט, דאַכט זיך, איינס און דאָס זעלבע און מען פילט, דאַכט זיך, איינס און דאָס זעלבע, און דאָך דערשטיקט מען און מען באַגראָבט אַלץ פאַרן אויג.

— דאָס זענט איר שולדיק.

— נישט איך און נישט איר, מירל. דער טייוול ווייסט, ווער עס איז שולדיק.

— נישט דער טייוול, ראַפאַל, נאָר איר טאַקע, איד. איר זענט אַנטלאָפן און איך האָב געוואַרט. איך האָב מיך געוואָרפן, ווי אַ פויגל אין אַ שטייג. האָב איך געדאַרפט קומען צו... דיר?

ראַפאַל האָט זיך איינגעבאַנצן אַ וואָרף געטון און אָנגענומען מירלען טיפער אונטערן אָרעם.

זיי האָבן זיך ביידע פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטון זיך אין די אויגן אַריין.

— זאָג מיר „דו", „דו", „דו"... נו, שעם דיך נישט.

— דו, דו! מירל... האָט ער יסורימדיק אויסגעקרומט דאָס מויל און צוגעפאַלן צו אירע אָפענע ליפּן, וואָס האָבן, דאַכט זיך, נאָך געאָטעמט מיטן באַנאַכטיקן חלום.

זי האָט אָוועקגעצויגן ס'מויל און מיט ביידע הענט אָנגענו-

מען זיין קאָפּ, אַרויפגעקוקט צו אים מיט אַן אויסגעלייטערט פּנים:

— ראַפאַל, דו, דיכטער מיינער!

אַ שטילער שאָרך איז אַדורך דורכן גראָז און זיי אויפגע־וועקט. ערגעץ פונדערווייטנס האָב זיך געהערט ווייכע, מענטשלע־כע טריט. באַנט לעבן זיי איז געשטאַנען אַ פויגל, און מיט קליינע, שוואַרצע אייגעלעך אַזוי ווי געפרעגט: — וואָס און ווען...

ביידע האָבן זיך פאַרשעמט און אַ צייט לאַנג געגאַנגען שווייגנדיק.

אין ליידיקן פאַרק האָט זיך פון די אַלטע שטאַמען אַרויס געטראָגן אַ הויל, זינגענדיק ברומען און אַ ציטערן פון באַקע־טע צווייגן, אַזוי ווי זיי וואָלטן דערפילט דעם ערשטן פלאַ־טער פון אַ וואַרעם, יונג האַרץ.

ראַפאַל איז געווען איבערפולט פון גליק, פאַרשכורט פון ברייטקייט, וואָס האָט גערוט אין אים און אַרום אים. עס איז אַ שאָד געווען רייד, אַ שאָד געווען אַ ריר מיט אַן אבר.

האָט אים אַ פאַרצייטישער כהן געהייליקט? אָדער האָט ער געזען די שכינה אויפן מזרח פון בית־המקדש?

עס איז געגאַנגען פון אים אַ תפילה בלחש. אַ תפילה, פון אַ לאַנג־צעוויייטיקט געמיט, פון גרויס גליק און פון גרויס אַנגסט. עס איז אים ווייניק געווען דער טאָג, ווייניק די פרישע זון און ווייניק די גאַנצע וועלט. אַלץ האָט זיך פאַרווישט און אָפּגעטרעטן אַקעגן דעם לופטיקן באַשעפעניש, וואָס האָט זיך געוויקלט אין אַ גרין־סאַמעטענעם מאַנטל, און האָט געשטראַלט מיט אַזוי פיל ליכט, מיט אַזוי פיל ווייבלעכער תמימות און... משוגעת.

ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט איר, האָט ער נאָר פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אירס אַ האַנט און איינציקווייז געקושט די שפּיצן פון אירע לענגלעכע, בלאַסע פינגער.

— משוגענער, משוגענער — האָט זי געעפנט אירע פּערל־דיקע ציין.

— אָבער זאָג, קען איך נאָך ווער אַזוי פרייען מיט דיר, ווי איך?

— קיינער נישט.
— זענען אַלע פרויען אַזוי זיס, ווי דו?
— כ׳ווייס נישט. פרווו.
— וואָלסט געוואָלט?
— משוגענער!
— נו, זאָג, וואָס ווילסטו?
— כ׳וויל גאָרנישט. לאָז אַזוי.
— ביסט אַ נאַרישע. אַזאַ נאַרישע.

פון דערווייטנס איז עמעצער אַדורכגעגאַנגען. אַ ווײַלע זיי באַטראַכט און אַ שטילן סוד אין די אויגן באַהאַלטן. מירל האָט עס באַמערקט און געהאַט דאָס געפיל, אַזוי ווי אַ גרויסער שפּין זאָל זיך פון ערגעץ־ווו אַראָפּלאָזן און אַרומוועבן זיי מיט זײַן פייכטן, ציִעגדיקן שליאַם.

זי האָט זיך צוגעבויגן נאָענט צו ראַפאַלס אַקסל און מיט אַ קרענקלעך־שטיל קול געבעטן זיך:

— פיר מיך אַהיים, ראַפאַל.
— פאַרוואָס אַזוי גיך?
— כ׳בין מיד. אַזוי פיל מיט איינמאָל.
— קענסט נישט פאַרטראָגן?
— ניין, נישט דאָס. נאָר ס׳איז עפּעס צו גרויס און צו הייליק.
— שטערט דען ווער?
— ס׳רייסן זיך אַרײַן, טײַלמאָל, אַ פּאָר קאַלטע, אויסגע־רעכנטע אויגן.
— ווען, ווו?
— גאָרנישט, גוטער, נאָר איך בין מיד און גליקלעך!
— זאָל איך דיך טאַקע שוין אַהיימפירן?
— יאָ, איך בעט דיך.
— און ווען וועל איך דיך נאָך אַמאָל זען.
— כ׳וועל וואַרטן אויף דיר.
— ווען?
— קום מאָרגן.

— אין דער פרי?

— האָסט מיך ליב צו זען אין דער פרי?

— כ'האָב דיך ליב צו זען אין יעדער צייט.

— קום זשע בעסער אויף דערנאַכט.

ווען זיי זענען אַרויס פון פאַרק, האָט זיך די זון שוין געהאַט באַהאַלטן הינטער אַ ווייסן ברייטן וואָלקן, וואָס האָט זיך צעלייגט, ווי אַ גרויס אומגעלומפּערט נפש, איבער אַ שטיק הימל. אַ גרויע, האַרטע קילקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די הויכע טונקעלע מויערן און דערמאָנט, אַז ערגעץ ווו, אין פאַרלאָזטע וועלדער און הינטער דעם האַלב-צעגאַנגענעם שניי, דרימלט נאָך אַ געדעכעניש פון פראָסט און פון קעלט.

# XIV.

ראַפּאַל איז צוריקגעגאַנגען אין פּאַרק אַריין. דורך די נאַקעטע ציווייגן האָט געצויגן אַ קילער ווינט, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז באַנאַכט וועט אויספאַלן אַ שניי, די בענק זענען געווען ליידיק. אַ שווערער, גרויער טרויער האָט געדרוקט אין ווייטן חלל און דערמאָנט אָן די לעצטע מינוטן פון אַ גוסס.

ראַפּאַל איז געווען פאַרטון. עמעצער איז גיך פאַרבייגעגאַנגען און געגריסט. ער האָט זיך אומגעקוקט און נישט געקענט דערקענען, ווער דער פאַרבייגייער איז געווען. ער האָט געוואָלט יענעם נאָכגיין און אָפּשטעלן. נאָר יענער איז שוין געווען ווייט.

מען גריסט צו אים און ער ווייסט אפילו נישט ווער. ער האָט געמוזט זיין גוט פאַרנומען, ווייל ווען ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמעצער גריסט, איז יענער שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שפּאָר שטיקל וועגס. מירל האָט אים אינגאַנצן פון זינען אַראָפּגעפּירט. נאָר וואָס, אייגנטלעך, אַרט אים יענער פרעמדער, און וואָס האָט ער זיך אַזוי פאַרקלערט איבער אים? אַ באַקאַנטער, און פאַרטיק. ער איז צוריקגעקומען אין פּאַרק אַריין — זיך אָפּרוען, אָפּקילן זיך פון דעם גרויסן גערויש, וואָס מירל האָט אין אים איבערגעלאָזט, גריבלט ער זיך אין אַזעלכע הוילע, לאַנגווייליקע נאַרישקייטן. די אַלטע געוווינהייט באַגלייט אים, ווי אַ ביי־זע שטיף־מאַמע.

ער קען זיך נישט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס ס'איז אַ זעל־כעס געשען? איז עס געווען אַ חלום אויף דער וואָר, אָדער איי־נער פון יענע פאַרכשופטע קרייזן, אין וועלכע ער פּלאָנטערט זיך שוין אַזוי פיל וואָכן און חדשים? פאַרוואָס האָט ער געטראָפן מירלען גראָד אין דער אייגענער מינוט, ווען ער האָט זיך גע־גרייט אַרויפצוגיין צו איר? האָט זי דערפילט זיין וויי? איז עס טאַקע אמת, אַז אַ האַרץ צו אַ האַרץ ציט, אַזוי ווי עס ציט אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן? און אַז די, וואָס ליבן און דער גורל האָט זיי אָפּגעריסן פון זיך, מוזן זיך אַמאָל צוריקגעפינען?

עס איז אַזוי שווער צו וויסן, וואָס מירל וויל.

ער האָט געטריקנט. די נשמה האָט זיך אָנגעהויבן אין אים איינצוציען. ווען ס'וואָלט אַזוי לענגער געדויערט, וואָלט ער דאָס האַרץ אויסגעווייַנט און אויסגעגאַנגען, ווי אַ בעטלער. איז זי גע־קומען, ווי אַ בליץ אין מיטן דער נאַכט, געקומען — און אויפ־געוועקט אין אים אַזוי פיל באַהאַלטענע אוצרות, אַזוי פיל גרויסע ליידן, וועגן וועלכע עס האָט זיך אים גאָר קיינמאָל נישט גע־חלומט.

מיט איין בליק, מיט איין קנייטש פון איר מידן, האַלב־ליידנדן פּנים האָט זי אָפּגעווישט זיין גרויסן פּיין און דער־הויבן אים צו דער מדרגה פון וועלן אייביק לעבן און אייביק געניסן פון גליק.

עס איז גוט צו האָבן אַזאַ שטילע, מוטערלעכע האַנט, וואָס זאָל היילן און טרייסטן, און וואָס זאָל קענען פאַרשאַפן אפילו צער און יסורים.

פאַרוואָס האָט ער זי נישט דערקענט פריִער? פאַרוואָס בלאָנדזשען אַרום נשמות אָן אַ תיקון און קענען זיך נישט געפי־נען?

ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דער צייט, ווען ער וועט מוזן אַראָפּוואַרפן פון זיך די פרייהייט פון בחורשאַפט און ווערן אייגער פון יענע ערנסטע, געזעצטע מענטשן, וואָס האָבן אַן אייגן הויז, וואו עס דרייט זיך אַרום אַ גאַנץ, אויסדערוויילט וועזן,

וואָס קען זאָרגן און ליבן, מיטליידן און מיטפרייען זיך. ער האָט שטענדיק געקוקט דערויף מיט בזול.

— דער אָדלער קען קיין וואָרעם נישט ווערן, — פלעגט ער זאָגן, ווען עס איז צו רייד געקומען וועגן פאַמיליען־לעבן — איך וויל נישט ווערעמדיק ווערן און וויל נישט קיין ווערעם פּרוכּ־פּערן.

און אַט איז געקומען אַ צייט, ווען ער וואָלט גליקלעך גע־ווען — ער זאָל קענען אָנזאָגן דער וועלט, אַז ער „האָט געטון דאָס נאַרישקייט, וואָס אַלע מוזן טון"...

— רופט מען דאָס שוואַכקייט? אָדער — הייסט דאָס — ליבע? איז דאָס דער צויבער, וואָס צווינגט: איינעם — ער זאָל זיין חבר דעם קאָפּ אָפּהאַקן, דעם אַנדערן — ער זאָל זיך וואַרפן אין תהום פון זנות און שיכּרות, און דעם דריטן — ער זאָל זיך אויפהייבן פון אָפּגרונט און פון אַ שד — אַ גאָט ווערן?

מירל, ווען איך אַמאָל קומען צו דיר? ווען איך אַמאָל קענען זאָגן, אַז דו האָסט פאַר מיר די וועלט באַשאַפן? ווען איך קענען אַרויסזינגען מיין ליד ביזן סוף און אויסגיין אונטער דער געטריישאַפט פון דיינע בלאַסע, אויסגעפּיעשטשעטע הענט?

ער האָט פלוצלינג דערפילט, ווי עמעצער שאַרט זיך נאָענט לעבן אים און לאָזט אים נישט וועבן ווייטער דעם געדאַנק. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און דערזען לעבן זיך אַ פּנים, וואָס איז אים שוין אויסגעקומען נישט איינמאָל צו זען.

— גוט ב'אָוונט!

— גוט ב'אָוונט, גוט יאָר!

— איר דערקענט מיך נישט?

— הער אָזשעך.

— דער אייגענער.

— פונוואַנען נעמט איר אייך אַהער?

— איך שפּאַציר.

— שוין לאַנג?

— פון מיטן טאָג אָן.

— אליין אין פארק?

— האלב דאָ, האלב אין גאַס.

ראַפאַלן איז באַפאַלן אַ שלעכט געפיל. ער קען שוין, דאַכט זיך, דעמדאָזיקן מענטש פון לאַנג, נאָר קיינמאָל האָט ער נאָך אויף אים אַזוי שלעכט נישט געווירקט, ווי אַצינד. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַזוי ווי אַ גליטשיקע פייכטע זאַך זאָל אים אַרומקריכן איבערן לייב.

— זענט איר נישט, אַמאָל, פריער דאָ פאַרבייגעגאַנגען?

— איך!

— איר טאַקע?

— איך.

עס איז געוואָרן שווער און אומהיימלעך. דער דאַרער, תמיד דערשלאָגענער אָזשעך האָט גענומען אויסוואַקסן אין אַ גרויסן, אומגעלומפערטן פאַלייפ מיט אַ סך הענט און פיס וואָס קלאַמערן אַרום און דערשטיקן.

— און פאַרוואָס האָב איך אייך נישט דערקענט?

— עס זענען פאַרהאַן מינוטן, ווען אַלע באַקאַנטע דערקענען זיך נישט.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— איך מיין גאָרנישט.

— וואָס דען ווילט איר?

— איך וויל גאָרנישט.

אין ראַפאַלן האָט זיך דאָס בלוט אַ וואָרף געטון. ער האָט דערפילט, אַז דערדאָזיקער מענטש ווייסט פון עפּעס און איז געקומען אים שטערן, צו נישט מאַכן אַלע זיינע חלומות. ער האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַז דער סטודענט אָזשעך טראָגט צו אים אַ באַהאַלטענע שנאה. ער פלעגט כאַפּן, טיילמאָל, יענעמס אַ בליק — איז ער געווען ביטער, ווי גיפט, רוי און פאַרביסן.

מירלען האָט ער ליב ביז שיגעון. ווען ער וואָלט געקענט, וואָלט ער אים צוזאַמען מיט מירלען געשאָכטן. איז ער געקומען נקמה נעמען?

— הער אָזשעך!
— וואָס איז?
— איר גייט ערגעץ אַצינד?
— איך גיי אין ערגעץ נישט.

ס'איז צוגעפאַלן אַ קורצע, דריקנדע שטילקייט. פון דער גאַס האָט זיך דערטראָגן אַ שנעל רייטן אויף פערד און אַ רייסנדיק קלינגען מיט גלעקער.

— ס'ברענט?
— דאַכט זיך.

וואָס וויל דער מענטש? וואָס קריכט ער אים נאָך? עפּעס שלאָגט פון אים אַ היץ.

— פאַרוואָס זעט מען אייך נישט, הער ליפּסקי.
— ווו ווילט איר מ'זאָל זען?
— איר פלעגט אַמאָל אַרויפקומען צו די אָלטוכקים.
— היינט קום איך נישט.
— איך — יאָ.
— אַז וויל איז אייך.
— מען רעדט, טיילמאָל, פון אייך.
— פון מיר?
— פון אייך.
— ווער רעדט?
— מירל.

ס'איז ווייטער שטיל געוואָרן.

— נו, איז וואָס?
— איז גאָרנישט.

ראַפאַל איז געוואָרן הייס אין די אָדערן. ער האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן און באַהאַלטן ערגעץ אין אַ זייטיקער אַלעע. נאָך דעם סטודענטס פּנים האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיל שאַרפקייט און חוצפּה, אַז ער האָט פּשוט מורא געהאַט צו רירן זיך פון אָרט. ער האָט געפילט, אַז דער מענטש האָט אים באַהערשט, און אַ ליאַדע מינוט וועט אויסבאַ־עכן אַ מיאוס, גראָב געשלעג.

— מירל האָט אַ גוט שפּילעכל — האָט אַזשעך מיט אַ קאַל-טער אויסגערעכנטקייט בעצויגן.

— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס?

— אַנטקעגן גאָרנישט. זי האָט זיך ליב צו שפּילן.

— וואָס קען דאָס וועמען אַרן?

— יאָ, וואָס קען דאָס וועמען אַרן? נאָר אַ מענטש איז קלוג און באַנאַרישט זיך.

— הער אַזשעך, איר רעדט עפּעס אַזוי סודותדיק, אַזוי ווי איר וואָלט נאָר וואָס פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

— ניין, כ'שטיי שטענדיק זיכער אויף דער ערד.

— נו?

— גאָרנישט. דיכטער זענען לייכטזיניק.

— וועמען מיינט איר?

— קיינעם נישט.

— וואָס-זשע דען ווילט איר?

— זיי זענען אַזעלכע גוטע און קלוגע שפּילעכלעך — האָט דער סטודענט אַזוי ווי נישט געהערט ראַפאַלס פראַגע.

— יונגערמאַן, שווייגט!

ראַפאַל האָט נישט באַמערקט, ווי איבער אַזשעכס ליפּן האָט זיך געגליטשט אַ פאַרביסענער, נצחונדיקער קנייטש.

— זי האָט אייך נישט ליב, הער ליפּסקי.

— ווער פרעגט אייך דען?

— מירל זאָגט, אַז איר זענט פאַרליבט אין איר.

— ליגנער!

— שרייט נישט, הער דיכטער. איך ווייס, אַז איר שאַרט אייך באַנאַכט אונטער אירע פענסטער.

— קאָמעדיאַנט, שווייגט!

— כ'קען שווייגן און כ'קען נישט שווייגן.

ראַפאַל האָט האַסטיק און מיט גאַל אויסגעשפּיגן און גע-לאָזט שטיין דעם סטודענט אין מיטן פּאַרק. ער האָט פאַרלוירן דעם וועג און נישט געוווּסט, דורך וועלכן טויער מע אַנטלויפט. ער האָט מורא געהאַט — דער בייזער שטן זאָל אים נישט נאָכ-

יאָגן און סיקען אין אויער אַריין, אַזוי ווי עס ס'קעט אַ פאַרסמטע פליג.

---

ווי מיד, ווי שרעקלעך מיד ער איז. נאָך וואָס ווערן גע־בוירן אַזעלכע קליינע, איינגעגעסענע שלאַנגען? ווער האָט אים גערופן? וואָס פאַרא שלעכטס האָט ער אים געטון? ער האָט געבויט אַ ווונדערלעכן שלאָס — איז געקומען אַ רויע האַנט און האָט אים צעוואָרפן.

מירל, אָך, דו מירל! איך לייד פאַר דיר און ווייס נישט, צי איז דאָסדאָזיקע נפש געערעכט, אָדער אומגערעכט. איך טראָג דיך אונטער מיין הארץ און לעב אין ספקות. אפשר שפּילסטו? אפשר האָסטו נישט, וואָס צו טון? וואָלט נישט גלייכער געווען — איך זאָל דיך קיינמאָל נישט האָבן דערקענט?

ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט זיך. אַרום איז שוין געווען גוט טונקל. הינטער אים האָט זיך גע־צויגן אַ לאַנגע, ליידיקע אַלעע, מיט עטלעכע אויסגעצויגענע שאָטנס, וואָס האָבן זיך געהויבן אַראָפּ און אַרויף. פון די צווייג־טע ביימער אַראָפּ האָט זיך געטראָגן אַ שווערע, גרויע פוסטקייט, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין הארץ מיט אַ געפּרווירן געלעכטער.

---

אויף דער גאַס איז ראַפאַל ערשט געקומען צו זיך. עס האָט זיך גענומען אויסלייטערן דער געדאַנק, און עס איז קלאָר געוואָרן עפּעס אַ ווייט, אומבאַשטימט געפיל, וואָס האָט אַ גאַנצע צייט געפּרעסט אויפן הארץ און נישט געלאָזט דערגיין פון וואַנען עס שטאַמט.

— אפשר איז דער מענטש נישט שולדיק? ער ליידט, און

די ליידן שרייען ארויס פון אים. ס'קען זיין, אז ער האט זיי היינט א גאנצן טאג נאכגעקוקט געזען זייער פרייד און זייער נחת — ווייַנט אין אים דאס הארץ. עס איז דאך אזוי איינפאך. ערשט איצט דערמאנט ער זיך, אז מירל האט זיך אין מיטן אפגעריסן און געאיילט אהיימצוגיין.

— עס רייסן זיך, טייַלמאל, אריין א פאר פרעמדע אויגן. — אירע ווערטער.

זענען דאס אזשעכס אויגן געווען? אבער וואס שרעקט זי און וואס היט זי זיך? ליבע איז ערלעך. זי ווערט געבוירן, ווי דער טאג, און אזוי ווי דער טאג איז אפן און פריי — אזוי איז די ליבע... זינדערינס באהאלטן זיך, פאר זיי האט גאט די נאכט באשאפן.

— מירל האט אייך נישט ליב, הער ליפסקי!

— ביטערער מענטש! וואס האסטו געוואלט?

ווו קען מען זיך ערגעץ אפרוען אין פארגעסן. אמאל איז א סך, א סך בעסער געווען. א קליין, ווארעם צימער, ביכער, שריפטן, דאס הארץ האט שטיל אויפגענומען די פריידן און ליידן פון דער וועלט, איז געקומען א געוויטער און אלץ אפגעשווענקט. וועמען זאל ער שעלטן זיך, מירלען, אדער זיין פארשאטנט איי-זאם לעבן?

אלץ איינס — האט ער א מאך געטון מיט דער האנט — ער וועט שוין זיין גליק נישט בויען. ער איז געקומען אויף דער וועלט מיט א קללה און מיט דער אייגענער קללה וועט ער פון דער וועלט אוועקגיין.

---

## XV.

צומאָרגנס איז מירל אויפגעשטאַנען שפּעטער, ווי אַלע מאָל. דעם מאַנס בעט איז שוין געווען ליידיק. אין שלאָפצימער האָט געררוט אַ האַלב־טונקעלע, פּאַרשפּעטיקטע שטילקייט. זי האָט ברייט צעלייגט די נאַקעטע הענט איבער די קישנס און אַ לאַנגע צייט געלעגן און געשוויגן. דערנאָך האָט זי אָנגעקלונגען נאָך דער דינסט.

— וואָס איז אין דרויסן?

— נאַס, — האָט די דינסט געענטפערט.

— דער „פּאַן” איז שוין לאַנג אַוועק?

— שוין לאַנג, פּאַני.

— צי אַרויף די ראָלעטן און ברענג מיר אַריין אַ פילי־זשאַנקע קאַקאַאָ.

— גוט, פּאַני.

אין צימער האָט אַריינגעשלאָגן אַ גרויע, מאַטע ליכטיקייט, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז אינדרויסן שטייט אַ כמורנער, פאַרנעפּלטער טאָג. מירל האָט זיך פאַרקרומט און נישט צופרידן געווען, וואָס זי איז שוין אויפגעשטאַנען. זי האָט זיך גערעכט, אַז דער טאָג זאָל זיין אַ ווייס־ליכטיקער, אַזוי ווי ער איז געווען נעכטן.

שוין לאַנג, ווי זי האָט נישט געפילט אין זיך אַזוי פיל בלוט און אַזוי פיל באַגער צו וואַרפן זיך אין לעבן אַריין, ווי נעכטן, בשעת זי איז געבליבן אַליין אין בודואַר און אַ האַלב-

נאַקעטע געשפּיגלט זיך אין שפּיגל. זי האָט זיך אַליין פאַרשעמט פאַר די ווייס-יאַדערדיקע ברוסטן, וואָס האָבן געציטערט אונטערן העמד, ווי צוויי יונגע פייגל, ווען זיי טוליען זיך הינטער דער מוטערס פעדערן. קיינער האָט נישט געלעבט אין יענער מינוט, אויסער זי און ראַפאַל. פון יעדן אבר אירן האָט אַרויסגעזינגען ראַפאַלס שטים. זי האָט געפילט דעם אָטעם פון זיינע הענט, וואָס האָבן זיך אַזוי, ווי אין קראַמפּן געצויגן און צוריקגעהאַלטן זיך. דאָס גליק האָט אין איר געלאַכט, ווען זי האָט געקענט אַננעמען זיין קאָפּ און קושן. אַ מאַדנע שטילע שיינקייט, אויסגעמישט מיט יונגער שאַנדע און צוריקגעהאַלטענער ליידנשאַפט איז געלעגן אויף ראַפאַלס פאַרקלערט אַליוו-פּנים און אין די קיילעכדיקע קאַרע אויגן. ער האָט זי באַצווינגען, ווי נאָך קיינמאָל נישט. זי האָט פאַרגעסן ווער זי איז און פונוואַנען זי קומט. אין אַ פרייען פאַרק, צווישן הימל און ערד, וווּ אַלץ האָט אויגן און אויערן, האָט זי געגלוסט נאָך אים. זי וואָלט זיך נישט געשעמט אַראָפּצורייסן פון זיך די שטיקער זייד און צו געבן אים דעם גליקלעכן סוד, וואָס לאַכט אַרויס פון אירע אברים.

עס געדענקט זיך, אַז בשעת זי איז נאָך אַ יונגע גימנאַזיסטקע געווען, האָט זי זיך אַמאָל פאַרליבט מיט אַ סטודענט אין דעם אייגענעם פאַרק און אַזוי לאַנג געקושט זיך, ביז דער גאָרטן-היטער האָט זיי געפונען און אָנגעשריגן.

נאָר אַמאָל זענען די יאָרן געווען יונגער און דאָס לעבן נאַרישער. מיידלעך האָבן זיך געהיטן נאָר פאַר טאַטע-מאַמע. אויסער זיי — קיינעם נישט אָפּגענאַרט.

היינט איז דאָס לעבן ערנסטער און געזעצטער. זי געהערט צו עמעצן און עמעצער האָט איבער איר צו שאַפן, זי מוז זיך היטן פאַר פרעמדע אויגן און פאַר פרעמדע רייד.

אייגנטלעך האָט זי עס ביז אַהער נישט געפילט. ס'איז איר נישט איינגעפאַלן — עס זאָל קענען דורן פאַרדריסן. זינדיקט זי דען אַ קעגן אים? — דאַרף זי זיך באַהאַלטן מיט אירע פאַרגעניגנס און מורא האָבן פאַר אים?

זי האָט פיל מאָל דורן דערציילט וועגן אירע ליבהאָבער,

אַ סך מאָל געלאַכט צוזאַמען מיט אים און חוזק געמאַכט. נעכטן אָבער, באַם מיטאָג, האָט זי עפּעס נישט געקענט קוקן דודן גלייך אין די אויגן אַריין. זי האָט שטאַרק געשראָקן — ער זאָל עפּעס נישט דערקענען אָן איר. זאָל עס הייסן זינד, מיט וועלכער מען מוז זיך אויסבאַהאַלטן? האָט זי ראַפאַלן טאַקע ליב?

עס זענען געווען טעג, ווען זי איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ פאַרסמטע פליג. געווען שלעכט צו אַלע און געוואָלט שטאַרבן. זי ווייסט נישט — נאָך וועמען זי האָט געבענקט: צי נאָך ראַפאַל, צי נאָך אַנדערע. נאָר ווען זי האָט גענומען קלערן, אַז עס זאָל, אַשטייגער, פּלוצלינג אַריינפאַלן ראַפאַל און דער סטודענט אָזשעך — האָט זי באַם ערשטן נאָמען אויפגעציטערט און מיט אַן אויסגעבענקטער אומגעדולדיקייט גענומען קוקן אין פענסטער אַריין. עס זענען אָבער געווען טעג אַנדערע, טעג לייכטע און גאוהדיקע. עס האָט אַרויסגערעדט דאַמאָלס פון איר אַ פאַרעקשנטער שטאָלץ און אַ נישט-צוטריטלעכע פאַרשייטקייט.

— וואָס איז דען ראַפאַל? — האָט זי געטראַכט, — אַן אָרים דיכטערל, אַ יונגערמאַן, ווי טויזנט אַנדערע יונגעלייט. זי פאַרשטייט, אייגנטלעך, נישט, ווי אַזוי זי האָט אַזוי לאַנג געקענט פאַרברענגען מיט אים, אויפנעמען און לאָזן אים רעדן אַזוי פיל דרייסטע און חוצפּהדיקע נאַרישקייטן.

אַזעלכע טעג, אָבער, האָבן געהאַלטן אַזוי לאַנג, ווי ס'האַלט דער שניי, בשעת די זון גייט אַפּער פון אונטער די וואָלקנס. זי האָט געפילט די קינסטלעכע שטייפקייט און די טרוקענע קעלט, וואָס האָט זיך אין איר אַרומגעטראָגן. אַזוי זעט אויס אַ פאַרלאָזן קינד, וואָס די מוטער איז עס געשטאָרבן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי וועט עס שוין אייביק בלייבן. די טונקעלע, שטילע צימערן, וואָס קילן די נשמה מיט זייערע געפּוצטע פאַרקעטן און מיט דער אויסגעטריקנטער ריינקייט, וועלן זי, סוף כל סוף, אַמאָל דערשטיקן. זי האָט זיך געשטראָפט פאַר דעם שפּיל מיט ראַפאַלן, פאַר דעם נישט וויסן ווען אָנצוהייבן און ווען צו ענדיקן. אַזוי טוט מען אין ביכער. דאָס לעבן פירט אַנדערש.

אַ קאַלטער וואָרעם האָט גענאָגט און געצויגן. עס איז נישט

געוועו קיינער — פאַר וועמען זי זאָל זיך קענען דאָס האַרץ אויסרעדן. קיינער — וועמען זי זאָל פרעגן, ווי אַזוי מען ציט צוריק דאָס אומגעלומפּערטע און נאַרישע, וואָס איז געשען צווישן איר און דעם קלוגן דיכטער. זי איז אָפּטמאָל בעגאַנגען אין דער גאַס, ווו ער וווינט. אָפּטמאָל — גרייט געווען אַרויפצוגיין צו אים, נאָר תמיד האָט עפּעס אַ פרעמדער, אויסגערעכנטער געדאַנק געשטערט:

— וועט עס זי מאַכן מיאוסער אָדער שענער? קלוגער אָדער נאַרישער? ראַפאַל איז עמפינדלעך, ווי אַ קינד. ער דערשפּירט דאָס רויע און נישט נאַטירלעכע.

זי האָט אים אַזוי פיל מאָל געזען דורך איר פענסטער. ס'האַרץ האָט זיך געריסן אַראָפּצולויפן, רופן אים; שטיל, שטיל זיך אויסוויינען. ער האָט איר געפעלט, ווי בלוט אין אַן אַנעמישן קערפּער. אַלץ איז געווען ליידיק, טויט. זי וואָלט מיטן שטילסטן נחת פאַרנומען די ביטערסטע רייד זיינע, די גרעסטע חוצפות. עס האָט זיך געראַנגלט אין איר געדאַנק און האַרץ, ביז — עס האָט זיך אַ ריס געטון.

דער געכטיקער טאָג איז געבוירן מיט אַן אויסגעחלומטער האָפנונג — אים צו זען און צו האָבן.

— זענען אַלע פרויען אַזוי זיס, ווי דו?

— ווער קען זיך אַזוי פרייען און ווער קען אַזוי צאַרט קוקן?

זי האָט געוואָלט הייַנט אויפשטיין פרי און גיין אין פאַרק אַריין אויפן נעכטיקן אָרט, אָנטרינקען זיך מיט דער ווייסער שטילקייט, וואָס רוט דאָרט צווישן די ליידיקעביימער. ס'האָט זיך געדאַכט נעכטן, אַז אַזוי וועט עס געדויערן ביז אין דער אייביקייט אַריין, אַז זי איז נישט מ י ר ל און ער — נישט ר אַ פ אַ ל, נאָר צוויי שטיקער זיִגענדיק ליכט, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעריסן פון די ווייטע הימלען און גאַרן צו צעברענען זיך ברייט און אָפן.

שטיל און לייכט איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן. עס האָבן גע-רוט זיינע הענט אויף אירע האָר. ס'האָט זיך געחלומט, אַז ווען

זי וועט די אויגן עפענען, וועט זי אים טרעפן זיצן בײַ איר בעט.

אין דער טאָג געקומען אַ גרויער, אַ פֿאַרוויינטער, אַזוי ווי ער וואָלט געטראָגן אין זיין שויס דעם צער פֿון אָפּגעשניטענעם לעבנס.

עס ווערט קאַלט און שווער אויפֿן האַרץ. עפּעס וואָס, וואָס האָט נישט קיין נאָמען און קיין געשטאַלט, שרעקט און צעמישט די געהירן. עמעצער האָט זיך נעכטן איינגעשניטן מיט די אויגן, ווי עס שניידט זיך אַמאָל איין אַ טעמפּ מעסער, אַזאַ באַקאַנט און אַזאַ פֿאַרביסן פּנים, אַזוי ווי אַזשעכס און נישט אַזשעכס. געדויערט דאָס גליק נישט מער, ווי אַ רגע?

— מאַריש! צו אַלדע גוטע יאָר!...

זי קלינגט לאַנג און אויפֿגערעגט...

## XVI.

אין א ווײַלע אַרום האָט די דינסט אַרײַנגעבראַכט דעם קאַ־קאַאָ.

— פאַרוואָס אַזוי לאַנג?

— כ'האָב אים געוואַרעמט.

— קענסט גיין.

— וועט די פאַני באַלד אויפשטיין?

— וואָס איז דען?

— מען דאַרף צוגרייטן דאָס מיטאָג.

— גרייט צו אַליין, — כ'בין נישט געזונט.

די דינסט האָט עס צוגענומען גלייכגילטיק און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. אין צימער איז געוואָרן שטיל. פון דער צווייטער שטוב האָט זיך געהערט דאָס אײַנטאָניקע וויגן־זיך פון אַן אומרו. אַמאָל איז דורך אַ דערבייאיקער וואָגט געקומען צו שווימען אַן אָפּגעריסענער קלאַנג פון אַ פיאַנע. אַמאָל האָט מירל מער נישט פאַרנומען, ווי דאָס הוילע געררויש, וואָס איז געשטאַ־נען אונטער די פענסטער.

— אין אַזאַ טאָג, — האָט מירל געטראַכט, — איז גוט צו שלאָפן, אָדער קראַנק צו זיין. זי פילט אָבער גאָרנישט, זי זאָל קראַנק ווערן. עס טוט איר, אייגנטלעך, גאָרנישט וויי. זי קען זיך אָבער, פאָרט עפּעס נישט אויפהייבן. דוד וועט זיך דער־שרעקן. ער איז נישט געוווינט זי צו זען אין בעט באַטאָג. זי געדענקט, אַז זי איז אַמאָל קראַנק געווען — איז ער אַרומגע־

גאַנגען, ווי אַ צעמישטער, געהאַלטן אין איין פרעגן, וואָס זי מאַכט. ס'איז איר אַזש געווען איבער די טבע, זי האָט אים פשוט געטריבן פון זיך.

ער רעגט זי, טײַלמאָל, אויף מיט זײַן גוטסקייט. זי וואָלט אַמאָל געוואָלט — ער זאָל זיך בייזערן אויף איר, שרייען. ס'ווערט דאָך, סוף כּל סוף, נמאס דאָס שטענדיקע קריכן אַרום איר און די אייביקע זיסקייט. אַ מענטש מוז דאָך אַמאָל אין כּעס ווערן. עס ווילט זיך אַמאָל זען, ווי יענעם קומט דאָס בלוט אין פּנים אַרײַן און ווי פאַר כּעס — קריצט ער מיט די ציין.

ראַפאַל קען אפילו שעלטן, רייסן לעבעדיקע שטיקער. ער קען, אָבער, טײַלמאָל שרעקלעך גוט זײַן, וואָס איז נישט דודס גוטסקייט, נישט זײַן נאָכגיביקייט און נישט זײַן זאָגן אויף שוואַרץ — ווייס און אויף ווייס — שוואַרץ, דערפאַר, ווײַל זי וויל אַזוי.

עס ווערט פאַרדראָסיק. דוד חנפהט, ער האָט מורא, זי זאָל נישט ברוגז ווערן מיט אים. ער האָט זי ליב, ווײַל זי איז שיין, ווײַל ער האָט זי אײַנגאַנצן און קיין אַנדערער האָט זי נאָך נישט אָנגערירט.

עס נעכט אַ שוידער אויף אַזעלכע געטרייע מענער. אַלץ מוז זײַן גלײַך און כּשר, נישט געמינערט און נישט געהעכערט אויף אַ האָר. דוד קען זיך, דאַכט זיך, אפילו נישט פרייען. דער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געליטן, דער קען נישט דאָס גליק פאַר־שטיין.

דוד האָט נאָך נישט איבערגעלעבט און נישט פאַרשטאַ־נען אַזוי פיל, וויפיל אַזאַ ראַפאַל, וועלכער איז יינגער. ראַפאַל קען זיך באַהערשן. ער קען געוועלטיקן איבער זײַן אייגענעם ווילן. ער איז גוט, ווײַל אַנדערש קען ער נישט זײַן, שלעכט — ווײַל ער זעט מעלות און חסרונות.

איבעריקנס — אַלץ איינס... נאָך וואָס, אייגנטלעך, האָט זי אים געהייסן קומען ערשט אויף דער נאַכט? עס איז נאָך אַזוי פיל שעהן דאָ צו וואַרטן. און זי איז אַזוי מיד און פויל.

ווי אַזוי וועט זי אים אויפנעמען? ער איז, דאַכט זיך, נאָך קיינמאָל אין דאָזיקן צימער נישט געווען. וואָס וועט זי אים זאָגן?

אפשר — אויפהייבן זיך? גיין! גלייכער אַזוי, זי פילט, אַז אַנ-דערש קען זי היינט נישט ראַפאַלן פאַגעגענען. אַ שטילער צאַפּל וואַרפט זיך אונטערן האַרץ. עמעצער האָט איר, דאַכט זיך, באַנאַכט איינגערוימט, אַז איר און ראַפאַלן זענען שוין פאַרמיאוסט די האַלב-אָפענע ווינקלען פון איר קערפער, וואָס קוקן אַרויס פון די שטיקער זייד, און רייצן און וועקן אויסגעבענקטע פאַרלאַנגען.

עס דערמאָנט זיך, אַזוי ווי עס וואָלט אויף דער וואָר גע-שען, ווען זי האָט זיך נעכטן אויסגעטון צום שלאָפן גיין, האָט עמעצנס אַן אָטעם געפאָכעט איבער איר פנים און געשטראָפט — פאַרוואָס זי באַהאַלט פאַרן דיכטער דאָס גליק פון אירע גלידער, און פאַרן מאַן — נישט. ער האָט שוין אַזוי פיל מאָל געהאַט און געזען. ראַפאַל, דאַכט זיך, וואָלט געבענטשט די מינוט — ער זאָל קענען פאַרבלענדט ווערן פון איר ווייסקייט...

*     *

*

— איז עס אַ חלום, אָדער עפּעס אַ העכער, טיף געפיל, וואָס דער מענטש קען עס מיטן שכל נישט משיג זיין? זי איז געבליבן היינט אין בעט דערפאַר, ווייל ראַפאַל וויל אַזוי, ווייל ער דאַרף קומען דאַמאָלס, ווען דער מאַן וועט נישט זיין אין דער היים.

באַם לעצטן געדאַנק האָט זי זיך איינגעקורטשעט און אַ קוק געטון אויפן מאַנס בעט. דאָס פנים האָט געברענט. אַמאָל איז עס אויפגעלויכטן געוואָרן, ווי באַ האַלב-רייפע מיידלעך און אַמאָל איז עס געוואָרן שטרענג און גרינלעך, אַזוי ווי באַ אייפערזיכטי-קע פרויען, וואָס שאַרן זיך באַנאַכט הינטער פרעמדע פענסטער און זוכן זייערע פאַלשע מענער.

— וועט עס דודן פאַרדריסן? וועט ער שרייען?

דער געדאַנק שטעלט זיך אָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— ער איז דאָך אַזאַ ווייכער, אַזאַ פאַמעלעכער... ער וועט נישט קיין כוח האָבן... ער וועט מורא האָבן — ער זאָל זי נישט פאַרלירן. אָבער וואָס, אייגנטלעך, גייט זי אַזעלכעס טון?

זי וועט אויפנעמען ראַפּאַלן אין שלאָפּצימער. הייסט דאָס — געזינדיקט, הייסט דאָס — אָפּגענאַרט דעם מאַן? זי איז נישט געזונט. ווי דען זאָל זי אים אויפנעמען?

צווייטנס, ווי שטייט דאָס געשריבן, אַז פון אַלעמען דאַרף וויסן דער מאַן? דערציילט ער איר אויך, וווהין ער גייט און מיט וועמען ער פאַרברענגט? נאַרישקייטן, איינרעדעניש.

— און אַז דוד וועט היינט נאָכמיטאָג נישט אַוועקגיין? — האָט פלוצלינג אַ קאַלטער געדאַנק אַרומגענומען דעם מוח. — האַ! — — — ס'איז איר ביז אַהער גאָרנישט איינגעפאַלן.

אַ גאַנצע צייט איז געווען אַזוי פשוט און קלאָר, אַז דוד טאַר אויף דער נאַכט נישט זיין אינדערהיים, ווי פשוט און קלאָר עס איז דער טאָג. אַצינד אָבער, אַז זי האָט אָנגעהויבן טיפער טראַכטן, האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטון אין פנים אַריין און די קליינע הענטלעך האָבן זיך געקאָרטשעט אין פויסטן.

— זי איז נישט באַ זיך. זי האָט נישט צו שאַפן איבער איר אייגענעם ווילן. עמעצער, וועמען זי האָט קיינמאָל נישט געקענט, האָט איבער איר די דעה. זי וואָלט עס אים קיינמאָל נישט מוחל געווען, זי וואָלט אים געהאַסט, ווי אַ שפין.

נאָר דוד איז דאָך אייגנטלעך גוט, אפשר — שוין צו גוט. ער וועט אַוועקגיין. ער גייט דאָך אַלע מאָל אַוועק. זי דאַרף אים נישט בעטן און נישט דערציילן.

— און אפשר —, האָט אַ נייער געדאַנק פאַרווישט דעם פריערדיקן — אפשר זאָל ער טאַקע נישט גיין? זאָל ער בעסער היינט בלייבן מיט איר. זי ווייסט עפּעס נישט — נאָר דאַכט זיך, אַז זי וועט דאָ מורא האָבן אַליין צו בלייבן. עס קען געשען עפּעס אַזעלכעס, וואָס לאָזט נישט רויק לעבן, וואָס וועט אויף אייביק פאַרסמען דאָס בלוט.

עס איז עבנ געוואָרן אין קאָפּ, זי האָט האַסטיק אָנגעקלונגען נאָך דער דינסט.

— ווי שפּעט איז?

— צוויי.

— דער פּאַן קומט שוין באַלד, ה׳ז, מאַריש?
— שוין באַלד, פּאַני.
— האָסט געגרייט צום טיש.
— יאָ.
— גוט.

די דינסט איז אַרויס, און מירל איז אַראָפּ אויף אַ מינוט פֿון בעט — אַ קוק טון אין דרויסן אַרויס. דער קרענקלעך-פּייכ־טער טאָג, וואָס האָט זיך געהילט אין אַ בלאָסן, אַשיקן נעפּל, האָט צעלייגט אויף איר פּנים אַ זויערן שמייכל, ווי באַ אײנעם, וואָס עס איז אים מיאוס די וועלט און זיין אייגן לעבן. זי איז גיך אַוועק פֿון פענסטער און אויפן וועג אַ קוק געטון אין שפּיגל אַריין.

— עס גייט אַ מיאוסער טאָג אויף איר, — האָט זי געטראַכט, קוקנדיק אויפן בלאַסן, מידן פּנים און אויף די לייכט-אונטערגע־האַקטע אויגן, — זי מוז טאַקע זיין קראַנק. ס׳איז גאָרנישט קיין קאַפּריז, וואָס זי איז הייַנט געבליבן אין בעט. עס פעלט איר עפּעס, — עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען קען נישט אָנרופן מיטן נ׳מען.

זי איז צוריק אַריין אין בעט מיט אַ געפיל פֿון רחמנות צו זיך אַליין, וואָס זי איז אַזוי איינזאַם און פאַרלאָזן. זי איז קראַנק און קיינער ווייסט נישט, קיינעם אַרט עס נישט. דוד איז פאַר־נומען און פאַרנומען, נישט ער קלערט פֿון איר און נישט ער ווייסט, וואָס זי וויל. גאַנצע טעג זעט זי אים נישט. ער קומט דאַמאָלס, ווען ער דאַרף זי. זי וויל, טיילמאָל, אַזוי שלאָגן... אויסרוען זיך — קומט ער אין פרעגט נישט, צי זי וויל אים, צי נישט. ער איז איר פאַרמיאוסט, פאַרמיאוסט. זי איז אומגליקלעך. אַנדערע לעבן, ווילן זיך, און זי מוז איר גאַנץ לעבן אָפּזיצן אין די פאַרשאָלטענע שטיבן און אָפּהיטן זיי.

— ווי מיאוס זיי זענען — די מענער! — ווען זיי דאַרפן שטילן זייער בייזן ווילן, דערשפּירן זיי באַלד, אַזוי ווי גוטע הינט דערשפּירן אַ פעטן ביין. און אַז זי ליגט נישט-געזונט איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל איר מיטפילן און מיטליידן.

— פֿאַרוואָס האָט זי נישט געהייסן קומען ראַפֿאַלן פֿריִער? ער איז כאָטש דער איינציקער, וואָס פֿאַרשטייט און פֿילט זי. זיינע אויגן, וואָס האָבן נעכטן ש׳ער נישט געוויינט פֿון גליק, האָבן איר געזאָגט, אַז זי איז אים טייער.

זי האָט אים געהייסן קומען אויף דערנאַכט, ווען די שאָטנס צעלייגן זייער געהיימען צויבער אויף פֿאַרבענקטע געמיטער, וואָס זוכן דאָס געזאַנג פֿון דער שטילקייט. ער האָט עס אַזוי ליב.

ער וועט קומען און אָפּווישן די שווערקייט פֿון דעם היינטיקן אומגעלומפּערטן טאָג...

## XVII.

ווען דוד איז געקומען, האָט ער געטראָפן מירלען ליגן גלייך, מיט אַ פאַרשאָטנט, שטיל פּנים און מיט יענער הייליקער בלאַסקייט, וואָס צירט פרויען אין דער ערשטער צייט פון זייער מעוברת־ווערן.

— מירלשי, וואָס איז דיר? — האָט ער באַלד אין דער טיר דערשראָקן געפרעגט.

— גאָרנישט, דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל וויי.

— דער קאָפּ? אפשר שיקן נאָך אַ דאָקטאָר?

— ניין, מען דאַרף נישט. ס'וועט מיר אַריבער.

— מירל, האַ?... אפשר טאַקע? זאָג!

— ניין, ניין, גיי עסן.

דוד האָט זיך פאַרקוקט אויף איר פון אַ זייט און פאַרטראַכט זיך. אַ ווייטער, צאַפּלדיקער געדאַנק האָט גענומען פּיקן אין מוח. ער איז געוואָרן שטיל און ערנסט. אַרום מויל האָט זיך געוויקלט עפּעס אַ פאַרזאָרגטער שמייכל. אַ שמייכל, וואָס זאָגט אָן, אַז דאָס לעבן הייבט אָן קריגן אַ תוך, אַז אין צוזאַמענלעבן זיך פון אים מיט מירלען הויבט זיך אָן וועבן עפּעס ממשותדיקעס.

שטיל, אַזוי ווי אויף די שפּיץ־פינגער, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט לעבן בעט און מיט אַן אָפּגעהאַקט, ציטערדיק קול האַלב געפרעגט און האַלב געקוקט:

— מירל, מירל, וואָס . . פּילסטו?

מירל האָט געוואָרפן אַ לאַנגן, שאַרפן בליק אויף אים. נאָר באַלד איז איר קלאָר געוואָרן דודס פּנים, און נאָך שטילער, ווי ער, ציפּנדיק מיט די פינגער די קאָלדרע — האָט זי אָפּגעענט־פערט:

— כ׳ווייס נישט, ס׳דאַכט זיך מיר.

דודס פּנים איז געוואָרן גרויס און אָפן. ער איז צוגע־פאַלן צו אירע הענט, געקושט די פינגער און עפּעס אַזוי שטיל און גליקלעך בעלאַכט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פרייד צעשפּאַרט אים.

— מירעלע מיינע! פון ווען, פון ווען?

מירל האָט נישט גערעדט, נאָר געגלעט זיין קאָפּ און אַזוי רויק און שטיל געאָטעמט, ווי איינער, וואָס וועקט זיך אויף פון אַ לאַנגן, קראַנקן שלאָף און ווייסט נישט, וואָס אַרום אים טוט זיך.

עס האָט לאַנג געדויערט, ביז דוד האָט זיך געקענט אָפּרייסן פון אירע הענט און פּנים און אַריינגיין צום מי־טאָג.

— וועסט עסן, מירלשי?

— הייס מיר אַריינברענגען.

זי האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ברייט צעלייגט די הענט איבער די קישנס.

די דינסט האָט אַריינגעברענגט מיטאָג און אַוועקגעשטעלט לעבן בעט.

מירל האָט געהערט, ווי אין עסצימער האָט הויך גע־קלונגען דאָס טיש־געשיר, ווי דוד האָט עפּעס גערעדט צו דער דינסט. זי האָט געגעסן פּאַמעלעך, האַלב־געטראַכט און האַלב גע־שמייכלט. עס האָט איר הנאה געטון דער שפּיל מיט דודן. דאָס איז געווען די גרעסטע נקמה, וואָס זי האָט געקענט נעמען אָן דודן. עס וואָלט נאָך בעסער געווען — זי זאָל קענען אויפּפּראַלן די טיר און אַריינשרייען, אַז ס׳איז אַ ליגן, אַז זי נאַרט אים אָפּ.

נאָר ס׳איז איר אַ שאָר די שטילקייט און די רוי־קייט. גראָד איצט האָט זי נישט געוואָלט, אַז דוד זאָל טרויעריק ווערן, און אַזוי אַרום, אפשר, שוין נישט אַוועקגיין אין ג.ס אַריין.

נאָכמיטאָג איז דוד ווידער אַריינגעקומען. ער האָט גערעדט, ווי אַ קליין, נאַריש קינד, געשפּילט זיך מיט אירע הענט. ער האָט געפרעגט, צי זי דאַרף נישט עפּעס, צי ער זאָל נישט אַרויפ־גיין נאָך דער מוטער זיינער. נאָר מירל האָט גאָרנישט געוואָלט. דוד האָט איר אָנגעהויבן ווערן לאַנגווייליק, זי האָט נאָר מורא געהאַט, עס זאָל אים נישט איינפאַלן צו בלייבן אינדערהיים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן, דערוויילּ, אָנרוקן דער פאַרנאַכט. טונקל-בלוילעכע שטיקער שאָטנס האָבן זיך צעלייגט איבער די ווענט. פון ערגעץ-ווו א״ז געקומען צו שווימען אַ טרויעריקער קלאַנג פון אַ קלויסטער-גלאָק, צוזאַמען מיט אַ שווער ברומען פון פאַרנעפלטן דרויסן.

דוד האָט געוואָלט בלייבן אין דערהיים. עס איז אים אַ ווייטיק געווען צו צעשטערן די גרויסע, ליכטיקע שעה, וואָס ער האָט דערלעבט. אָבער אַוועקגיין האָט ער געמוזט. עס וואַרטן אויף אים מענטשן. אָבער ווי אַזוי לאָזט מען איבער מירלען אַליין? עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מירלס בלייך פנים בעט, ער זאָל בלייבן. ער האָט זי עטלעכע מאָל געפרעגט, וואָס ער זאָל טון? — האָט זי אים אַזוי געענטפערט, אַז עס האָט געקענט הייסן: „גיי יאָ, און גיי — נישט״. נאָר בשעת מעשה האָט זי געשראָקן — ער זאָל נישט דערקענען, אַז זי וואַרט שוין אויף דער מינוט, ווען ער וועט אַרויס.

דוד האָט זיך לאַנג געישובט מיט זיך אַליין. עס האָט אים נישט געגלוסט. אַ וואַרעמער, ליכטיקער אָוונט בײַ זיין מירלס בעט. צום טייוול מיט די געשעפטן. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין עצה און זי שטיל גענומען איבערבעטן, אַז עס האַלט היינט בײַם אָפּרעכענען זיך מיט די שותפים. ער וועט גיין און ווי מעגלעך באַלד צוריקקומען.

— ס׳שאַדט נישט, דוד, ס׳שאַדט נישט, — האָט זי אים

געגעבן אַ נאַקעטע האַנט צו קושן, — גיי, גיי, איך וועל וואַרטן אויף דיר.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, געקושט די האַנט א בערן עלנבויגן, געקושט מירלס האַלב־פּאַרמאַכטע מויל און איז אַוועקגעגאַנגען.

---

מירל האָט אָנגעקלינגען נאָך דער דינסט, געהייסן צוגעמען דאָס געשיר און אָנצינדן דעם לאָמפּ. דערנאָך איז זי אַראָפּ פון בעט, אָנגעטון אַ לייכטן ראָזן פּעניואַר און גענומען קעמען די האָר באַם שפּיגל מיט אַזאַ מין שפּילעוודיקער צאַרטקייט, אַז איר אַליין האָט זיך אויסגעוויזן, דאָס אַזוי אַרום קען מען פון עמעצן, ביסלעכווייז, די נשמה אַרויסציִען. שפּעטער האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּעניואַר און פאַרביטן אים מיט אַ טיפער־באָרדאָ מאַטינע, אַרומגעגאָסן זיך מיט פּערפום, און גענעמענדיק א בוך אין האַנט, צוריקגעלייגט זיך אין בעט אַריין. דער לאָמפּ, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי פאַרביקע זומער־פייגל און די רויטע אַטלעסענע קאָלדרע, וואָס איז עטוואָס אַראָפּגעהאָנגען פון בעט, האָבן געוואָרפן אויף איר בלאַסלעך פּנים אַ געמיש פון רויט מיט גרין.

אין די שטילע צימערן האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעריסן אַ דראָבנער קלאַנג פון עלעקטערישן גלעקל. מירל האָט אַ ציטער געטון, אויפגעזעצט זיך צעטראָגן, נאָר באַלד צוריק אַ נעם געטון דאָס בוך און אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט אויפגעמישט אַ בלעטל.

די דינסט האָט געמאָלדן, אַז דער הער לעווענשטיין איז געקומען. מירל האָט זיך פאַרקרומט, אַריבערגעצויגן די ברעמען און געהייסן זאָגן, אַז זי איז נישט געזונט און קען אים היינט נישט צונעמען.

זי איז געווען בייז. דערדאָזיקער אויסגעפּוצטער יונגערמאַן

קומט שטענדיק, ווען מען דאַרף אים נישט. זי האָט זיך איינגעהערט, צי די טיר פאַרמאַכט זיך נישט צום צווייטן מאָל. עפּעס האָט עס צו לאַנג געדויערט, אַזוי, אַז זי האָט געוואָלט אַראָפּשפּרינגען און אַריינשרייען — ער זאָל שוין גיין.

שפּעטער אַ ווײַלע, ווען איבער די צימערן האָט זיך צעטראָגן דער הוילער קלאַפּ פון דער צוגעמאַכטער טיר און ס'האָט זיך שאַרף גענומען הערן דאָס איינגעגעסענע טיקן פון זייגער אין עסצימער, איז מירלען באַפאַלן אַ מידעקייט. עס האָט אָנגעהויבן ווערן צו לאַנג דאָס וואַרטן און דאָס ריכטן זיך אויף ראַפאַלן. זי האָט מורא געהאַט, אַז אין דער צייט זאָל דערווייל דוד נישט אָנקומען. ער איילט זיך דאָך אוודאי הײַנט מער, ווי אַן אַנדערשט מאָל. זי האָט חרטה געקריגן אויפן הײַנטיקן צעבראָכענעם טאָג, אויף דעם גאַנצן אומגעלומפּערטן שפּיל, וואָס איז איר געפעלן געוואָרן צו מאַכן.

— דער טײַוול ווייסט עס. פון אינדערפרי אָן, דאַכט זיך, אַז אַ שווערער שאָטן האָט זיך צעלייגט איבער איר בעט. עפּעס אָטעמט אַרום איר מיט שרעק און אומגליק. שוין די גרויקייט פון הײַנטיקן פרימאָרגן, וואָס האָט זיך, אַזוי ווי אַ פּאַרזשאַווערט שטיק שטאָל, אַ ייַנגעריסן צו איר אין צימער, האָט צעלייגט אַ דריקנדע שווערקייט אויפן האַרץ. ווען נישט די דאָזיקע בעפּלדיקע פּייכטקייט, וואָלט זי אפשר גאָרנישט אין בעט געבליבן. עס וואָלט זיך איר גאָרנישט אויסגעדאַכט, אַז זי איז קראַנק. נעכטן איז זי פול געווען מיט זון, אַזוי ווי שוין גאָר, גאָר לאַנג, ווען זי האָט נאָך דודן נישט געקענט און ווען מען האָט זי נאָך גערופן: „מירוש"...

עפּעס האָט זי אויף זיך אַן עול. ווער דאַרף עס? צו וואָס האָט עס איר געצטויגט?

זי האָט אַוועק עשליידערט פון זיך דאָס בוך און געווען גרייט אַראָפּצושפּרינגען פון בעט, אָנצוטון זיך און ליכטיק צו מאַכן אין אַלע צימערן. נאָר אין דערזעלבער צייט, האָט זיך דערהערט דאָס ציטערדיקע צאַפּלען פון גלעקל, קורץ, אָפּגעהאַקט, איינמאָל און נאָך אַמאָל.

מירל איז געקומען צו זיך. זי האָט דערקענט ראַפאַלס קלונג. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי עטלעכע מאָל אַרומגעגלעט די האָר, געשווינט אַרויפגעצויגן מיט איין פוס דאָס שטיק קאָלדרע, וואָס איז אַראָפגעהאָנגען פון בעט. ווען די דינסט האָט געמאָלדן, אַז דער „פאַן ליפסקי" איז געקומען — האָט זי אים געהייסן אַריינבעטן.

---

# XVIII.

ראַפאַל איז אַרייַנגעקומען שטיל און אַזוי ווי פאַרשעמט.

ער איז געווען געקליידט אין אַ שוואַרץ-סאַמעטענער קורטקע, מיט אַ שלייף אונטערן קראַגן פון דערזעלבער פאַרב, וואָס האָט צוגעגעבן זיין אויסזען אַ ווייכע, טיפע שטילקייט. די האָר זענען געווען צעוואָרפן, אַזוי ווי ער וואָלט לאַנג געהאַלטן די נערוועזע פינגער צווישן זיי. דאָס פנים צוזאַמענגענומען און ערנסט.

ער האָט לאַנגע שעהן געטראַכט איבער זיין לעצט באַגעגעניש מיט אָזשעכן, טויזנט מאָל געגעבן אים גערעכט און טויזנט מאָל אָפגעוואָרפן פון זיך דאָס שוואַרצע געשפענסט, וואָס האָט אים געוואָלט דעם וועג צום גליק פאַרשטעלן. ער איז געווען צו שוואַך, און אויסגעשעפט — ער זאָל קענען אַצינד פאַרלאָזן מירלען. ער האָט באַדאַרפט וועמען, וואָס זאָל אים אונטערהאַלטן און פירן. גיין צו איר, אָדער נישט גיין?

ווער געדענקט דען, וויפיל מאָל ער איז גרייט געווען צו באַהאַלטן זיך ערגעץ אין די ד׳ אמות פון זיין שטיבל און איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרגעסן, און ווער געדענקט, וויפיל מאָל דאָס האַרץ האָט געלאַכט אין אים און די אויגן האָבן פון פרייד געטרערט, ווען ער האָט זיך אויף איין מינוט דערמאָנט, אַז היינט באַנאַכט גייט ער ווידער צו מירלען, צו דער אויסגעבענקטער, צו דער אויסגעליטענער און צוריקגעפונענער.

ער האָט געקלערט אָנצוטון העלע מלבושים, אַזוי ווי אין אַ ליכטיקן זומער־טאָג, נאָר דער גרויער, פּיכטער פּאַרנאַכט און עפּעס אַ געהיים פּאַרגעפּיל, אַז באַ מירלען אין די צימערן וועט ער טרעפן אַ דריקנדע שטילקייט, האָט אים געהייסן אָנטון אין שוואַרצן.

ווען די דינסט האָט אים געזאָגט, אַז די „פּאַני" ליגט, האָט ער דערפילט, ווי פון אַ ווינקל אַרויס קוקן אויף אים אַזשעכס פּאַרביסענע אויגן און פרעגן: „איז עס וואָר, אָדער ליגן?".

ער האָט געוואָלט טרעפן מירלען, אין אירע באַליבטע זייַדענע קליידער — אַ שמייכלדיקע מיט אָפענע אָרעמס און מיט דעם פּאַרחלשטן גליק, וואָס האָט געשלאָגן פון איר לייב נעכטן אין גאָרטן.

ער האָט געוואָרט — די הימלען זאָלן זיך אויסלייטערן — ער זאָל זיך קענען פרייען מיט זייער בלויקייט און דערציילן זיי, אַז ער האָט אין דער גרויסער פינסטערניש — די זון גע־פונען. וואָס האָט אים דאָס קלײנלעכע סטודענטל געאָרט? ער האָט שוין געבענקט נאָך דער מינוט, ווען ער וועט קענען באַ־האַלטן דעם קאָפּ אין אירע קליינע הענט און פרייען זיך, פרייען זיך, פרייען זיך. נאָר די טונקלקייט, וואָס האָט בעשלאָגן פון דער דינסטס פּנים און די קאַלטע שטילקייט, וואָס האָט אויף אים אַ יאָג געטון, האָט אים מיט אַמאָל צוריקגעזעצט.

עפּעס אַ פינסטערע קללה הענגט איבער זיין קאָפּ. נאָך דער גרויסער פרייד, וואָס געדויערט תמיד אַזוי לאַנג, ווי אַ שטורעם אין אַ זומערדיקן פּאַרנאַכט, מוז קומען די פּיין, וואָס פרעסט אים אויף, אַזוי ווי ווערעם פרעסן אַ טויט לייב. עס איז נאָך נישט גע־ווען דאָס מאָל, זיין גליק זאָל געדויערן לענגער, ווי געציילטע שעהן, אַזוי ווי דער שטן וואָלט מיט אַ זייגער געשטאַנען און גע־וואַרט. שטעקט אין מירלען אַזאַ מין פּאַרשאָלטענער גייסט, וואָס לאָזט לאַנג אין דער זון נישט קוקן?

מירל ליגט.

— וואָס איז דער פּאַני?

— כ'ווייס נישט. זי האָט געהייסן בעטן.

* *

*

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן — איז ער געבליבן שטיין אין דער טיר און דערשראָקן זיך פאַר זיין אייגענער שטים.

מירלס פּנים איז אים געווען פרעמד, עפּעס אַזוי אויפגע־ריסן און רוי. דאָסדאָזיקע שטילע, ליכטיקע פּנים. וואָס איז גע־וואָרן? ווער איז זי און נאָך וואָס קומט ער אַהער?

אויף איין מינוט איז אים ווידער אַדורך דער נעכטיקער טאָג מיט אַלע זיינע פריידן און ליידן. ווי ווילד מענטשן זע־נען! ... אַמאָל קענען זיי אַרויסנעמען די הערצער פון זיך און מפקיר זיין איינער פאַרן אַנדערן, און אַמאָל קענען די אייגענע מענטשן אַנטלויפן פון זיך, ווי מען אַנטלויפט פון מגפות. ער איז, דאַכט זיך, אַצינד ווידער אַמאָל געבוירן געוואָרן, נאָר מיט אַ זקנישׁ האַרץ און מיט קנייטשן אויף דער נשמה. פאַרשאָלטן איז דער מענטש, וואָס גריבלט און זוכט נאָך. ווען וועט ער שוין דערוואַקסן צו דעם איינפאַכן באַגריף — נעמען דאָס לעבן אַזוי ווי עס זעט אויס? מירל איז דאָך קראַנק. וועמען פאַרשט ער? פאַרוואָס אַרט אים גאָרנישט, וואָס זי ליגט?

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן.

— ס'שאַדט נישט, ראַפאַל! — האָט ער דערהערט איר קול און געזען, ווי זי האָט, האַלב אונטערשפּרינגענדיק אויפן בעט, אויסגעצויגן צו אים ס'פּנים און געהייסן גיין ווייטער.

ער האָט געשטעלט פאַמעלעכע און אויסגערעכנטע טריט, האַלטנדיק איין האַנט פאַרשטעקט אין בוזים פון דער קורטקע.

— ווי שיין ער איז היינט — האָט מירל אַ טראַכט געטון, און אַ שלעכטער ציטער האָט אַ פאָכע געטון איבער אירע רונדי־קע, פולע ברוסטן.

— וואָס איז איין, מירל?

ער האָט געוואָלט זאָגן „דו", נאָר עפּעס אַן אומבאַגרייפלע־כע מורא האָט אים דערשטיקט דאָס וואָרט אין האַלדז.

— גאָרנישט. עפּעס נישט מיט אַלעמען.
— איר זענט קראַנק?
— עפּעס יאָ און עפּעס נישט.
— נאָכוואָס בין איך געקומען צו אייך?
— איר האָט גוט געטון, ראַפאַל, עס איז מיר אַזוי טרויעריק.
דער „איר", וואָס איז דאָסמאָל אַזוי גלאַטיק און אייגנפאַך אַרויסגעשווומען פון איר מויל, האָט אים צו דער רעשט צוגעדריקט. ער האָט גערעכנט, אַז זי וועט אים די ערשטע זאָגן „דו", אַזוי ווי נעכטן, בשעת אים איז עס שווער אָנגעקומען.
אַזשעכס פּנים איז ווידער אויפגעשווומען און געסיקעט אין אויער אַריין: „איר זענט אַזאַ גוט שפּילעכל".
— פאַרוואָס זיצט איר נישט, ראַפאַל?
ער האָט זיך אָוועקגעזעצט פונדערווייטנס און געשוויגן, אַזוי ווי פאַרליבטע שילערס, וואָס וואַרפן אַריין בריוועלעך צו זייערע אויסדערוויילטע דורך די פענסטער, און וואָס קענען זיך קיינמאָל נישט דערשלאָגן צו רעדן אויג אויף אויג מיט זייערע געליבטעס.
— ראַפאַל! — האָט מירל טיף און מיט אַ ציטער אין קול זיך אָנגערופן — קומט אַהער נענטער. איך וויל עפּעס הײנט אַזוי פיל רעדן מיט אייך.
— פון וואָס?
— כ'ווייס? פון גאָרנישט און פון אַלעמען.
ער האָט זיך צוגערוקט צו מירלס בעט און אַזוי ווי נישט ווילנדיק אַרומגעקוקט זיך איבער איר שלאָפצימער.
אַ ווונדערלעך געפיל האָט ער געהאַט, בשעת ער האָט באַטראַכט דאָס צימער, צוזאַמען מיט מירלען אין צעוואָרפענעם בעט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָ שטעקט אַזוי פיל נישט ערלעכקייט און ווייבלעכער לייכטזין, אַזוי פיל באַהאַלטענע און אויסגערעכנטע כוונות, אַז עס האָט אים גאָרנישט געאַרט, פאַרוואָס ער נעמט זיך נישט איבער מיט מירלס נישט-געזונטקייט. ער האָט אַ געזונטן חוש, דערדאָזיקער חוש נאַרט אים קיינמאָל נישט אָפּ. זי איז געווען צו שיין און צו ווייבלעך. ער האָט נאָך קיינמאָל

אזעלכע קראַנקע נישט געזען. איר לייכט פאַרויטלט פּנים מיט דעם אויפגעקעמט קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געגרייט ערגעץ־ווו אוועקצוגיין, די פינגערלעך, וואָס האָבן אַראָפּגעפּייערט פון די אויסגעפּיעשטשעטע הענט, האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ וואָלוועלן בייגעשמאַק. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ ווייסע טויב האָט אירע פליגל אין בלוט געטונקען.

עס איז געווען ענג און שווער. ער האָט געהאַט מירלען אַזוי פיל צו דערציילן. ער האָט געחלומט זי צו טרעפן אַ שטילע און אַ צאַרטע, פאַרשעמט און גליקלעך. עס האָט אים וויי געטון זיין אומזיסטע פרייד. פאַרשאָלטן האָט זי, דער נעכטיקער נאַר, צי גאָר דער נעכטיקער חכם? מירלס בלוטיק מויל, אירע צערייצטע אויגן און די ווייסע האַלב־אָפּגעדעקטע ברוסטן, האָבן אין אים געוועקט געפילן פון שאַנד. ער האָט געוואָלט אויסלאַכן דעם איי־פערזיכטיקן סטודענט, קילן זיך פאַר די ביטערע מינוטן, וואָס יענער האָט אים פאַרשאַפט — האָט ער געטראָפן אויף אויסגערעכנטקייט, אויף רייץ און אויף שפּיל.

— אַזוי אַרום ליבט מען נישט! — האָט אים געריסן אַ געדאַנק — אַזוי אַרום וויל מען נאָר עפּעס דערגרייכן און דערנאָך אָפּוואַרפן פון זיך. אָבער נאָך וואָס? וועמען טויג עס? און פאַרוואָס האָט זי גראָד אים פאַר אַ קרבן געקליבן?

עס האָט אויפגעוואַכט דער אַלטער ראַפאַל, דער מיטן ביטערן שמייכל און מיטן שטענדיקן מבטל מאַכן אַלץ. ער האָט דערזען, אַז עמעצער שפּילט מיט אים אַ נאַרישע, געפערלעכע שפּיל און... ער איז צוריק אויסגעוואַקסן. ער האָט דערפילט אַ שטראָם בלוט אונטערן האַרץ, דאָס מויל האָט זיך אים שוין פאַרקרומט אַ ביס צו טון.

— ראַפאַל — האָט מירל איבערגעריסן זיין פאַרטראַכטקייט — וואָס זענט איר היינט כמורנע?

— כ׳בין היינט לוידיק.

— פאַרוואָס? — האָט זי געצויגן מיט די ליפּן.

— דער טייוול ווייסט עס.

— זענט איר בייז אויף מיר?

— אויף אייך? פאַרוואָס?
— איך ווייס?
— איך ווייס אויך נישט.
— אָבער וואָס זיצט איר פאַרט אַזוי און שווייגט?
— ווען עס רעדט זיך נישט, איז גוט צו טראַכטן.
— פון וואָס טראַכט איר?
— פון אייער שלאָפצימער.
— טאַקע! נו, זאָגט, געפעלט עס אייך?
— ניין.
— פאַרוואָס? — האָט זי פּיעשטשענדיק פאַרבויגן דעם קאָפּ.
— ס'הייסט, ס'געפעלט מיר יאָ, נאָר נישט פאַר אייך, און נישט אַצינד.
— וואָס הייסט — נישט אַצינד?
— ס'הייסט, אַז אַצינד שטעלט עס זיך מיר פאַר גאָר אַנדערש.
— כ'פאַרשטיי נישט.
— גאַנץ איינפאַך, איר פּאַסט אייך נישט צו צו דערדאָזיקער רויקייט.
— וואָס מיינט איר צו זאָגן?
— אייגנטלעך גאָרנישט. נאָר אַזוי ווי איר ליגט אַצינד, מאָלט זיך מיר גאָר אַן אַנדער שלאָפצימער.
— קען מען וויסן, וואָסערעס?
— גרויס — האָט ער אַ פּיר געטון מיט דער האַנט — טיף אין די ווינקלען און הויך... די ווענט — מיט באָרדאָ בראָקאַטן — ביז אין דער העלפט מיט פוטער אויסגעקלאַפּט.

ער האָט זיך אין מיטן אָפּגעשטעלט. נאָכוואָס טויג עס? וואָס וויל ער? ער האָט געוואָלט שרייען, אַז ס'איז אַ ליגן, ער מיינט גאָרנישט אַזוי, איר שלאָפצימער אַרט אים נישט, זאָל עס זיין, ווי עס וויל. ער טוט עס אומישנע, ווייל זי, מירל, האָט אים נישט פאַרשטאַנען. זי האָט פאַרגעסן אָן דער נעכטיקער זון, אָן דעם הייליקן ציטער, וואָס האָט דאָרט אין אַלטן פּאַרק גערוט צווישן די ביימער, בשעת ער האָט זי געקושט אין די ליפּן.

— נו — האָט ער דערזען זירע ווייסע, שאַרפע ציין, — וואָס ווייטער?

ער האָט גערעדט גיך און אָפּגעהאַקט.

— אייער בעט — ברייט און מיט אַ חופּה, אויפן בעט — אָנגעוואָרפן סאַמעטענע און פּליושענע קאָלדרעס. פון די קאָלדרעס אַרויס — אייער צעשויבערטער קאָפּ, געצירט אין לאַנגע אויערינג.

— ראַפּאַל! — האָט מירל פאַרהאַקט איבערגעריסן — איר מאַכט מיך פאַר אַ קורטיזאַנע?

— האַ? ס׳הייסט, ניין... איך האָב מיך נאָר דערמאָנט אַן אַ בילד, וואָס כ׳האָב אַמאָל געהאַט געזען.

ס׳איז צוגעפאַלן אַ שווערע, אומהיימלעכע שטילקייט. ראַפּאַל האָט זיך אַראָפּגעבויגן און גענומען דעם קאָפּ צווישןביידע הענט. מירל האָט זיך אָנגעלענט אויפן עלנבויגן און אַ לאַנגע צייט גע-קוקט אויף זיין געזונקענעם קאָפּ.

— ראַפּאַל! — האָט ער געהערט, אַזוי ווי אַ ווייט ווייענדיק ווידער-קול — ראַפּאַל!

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געטראָפן זיך מיט אַ פּאָר פייכטע, בלישטשנדיקע אויגן.

— פאַרוואָס אַזוי, ראַפּאַל?

ער האָט געשוויגן. מירל האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעט און געאָטעמט אים אין פּנים אַריין.

— זאָג, האָסט געזען אַזאַ בילד?

אַ שטראָם וואַרעם בלוט האָט זיך אַ וואָרף געטון אונטערן האַרץ:

— מירל, זיין מירל! איר ווייכע געבענטשטע שטים!

— האָסט געזען?

— נישט געזען?

— און וואָס וואָלסטו געטון, ווען כ׳האָב אַזאַ שלאָפצימער?

ער האָט אָנגענומען איר האַנט. דאָס קול האָט זיך געבראָכן און געווען אַזוי שטיל, ווי די ווייכקייט פון פוטער.

— איך... וואָלט געהיטן... די טירן — קיינער... זאָל זיך נישט אַריינרייסן.

עס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ווי אַ ריר מיט אַ ברעם. ראַפאַל האָט פּלוצלינג דערפילט אויף זיך אַ פּאָר וואַרעמע, גלאַ־טיקע הענט און אַ הייס, געהאַקטן אָטעם:

— נו, היט, נו, פאַרשליס... זאָל קיינער נישט קומען... קוש מיך, קוש מיך!...

עס איז געוואָרן ענג. ווער האָט דעם לאָמפּ פאַרלאָשן? ווער גיסט אַזאַ זיסן סם אין די אָדערן? ציטער נישט, מירל. איך האָב דיך ליב!... לאָז מיך שטאַרבן אין דיינע הענט... וואָס בלענדט אַזאַ ווייסקייט אין די אויגן? און וואָס ציט זיך ווער צוריק און קריצט מיט די ציין? אַ שאָטן ברומט אין די אויערן, אָדער שטייט ווער און לאַכט?

— דוד, דוד וועט קומען. וואָס טוסטו?...

— זינדערין!...

---

אַ געשריי רייסט זיך נאָך. ראַפאַל דערפילט אויף זיך דעם אָטעם פון דער גאַס:

„האָט אים ווער פאַריאָגט? איז ער אַליין אַנטלאָפן?"

ווי צעבראָכן! עמעצער שפּייט אין פּנים אַריין. ער איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם סם פון איר פאַלש האַרץ...

זי האָט אים אָפּגענאַרט. זינדערין, זינדערין! אָבער וווּ איז זיין מירל? זיין אויסגעבענקטע, זיין אויסגעחלומטע? ווער האָט זי צוגענומען?... אפשר איז דאָס נישט זי געווען, אַן אַנדע־רע, אַ פרעמדע?

אַ געוויין שטיקט אין האַלדז און אַזאַ שרעקלעכע ליידי־קייט יאָגט איבער די פינסטערע גאַסן. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן און איז געשטאָרבן. מירל, מירל!...

---

די נאַכט קוקט דורך די פייכטע פענסטער מיט טויזנטער בלוטיקע אויגן און יאָגט אַן אַ פיינלעך געשפּענסט, וואָס רירט

דעם שאַרבן פון מח און זעצט שוין ניט די אויגן פון קאָפּ אַרויס.

ווער איז שולדיק, וואָס מירל וויל אַראָפּרייסן פון זיך די הויט און אויסבּרענען פון זיך די גיהנומדיקע זינד. וואָס איז זי באַפאַלן? ווו זענען געווען די אַלע, וואָס האָבן זי געשיצט און געהיטן? פאַרוואָס האָט דער געטרייער מאַן זי געלאָזט אויף הפקר? פאַרוואָס איז ער נישט געקומען און דערוואָרגן דעם רויען יונג, וואָס האָט זי גענומען, ווי מען נעמט זינדערינס אויף דער גאַס?

— די נאַרישער, געמיינער סוחר! איך האָב דיך פיינט. איך מיאוס מיך מיט דיר! איך וועל דיך נאַרן. איך וועל דיר פאַרסמען דאָס לעבן. דאָס בלוט וועט אין דיר קאַליע ווערן און וועסט קיינמאָל נישט דערלעבן דאָס נחת, וואָס דו האָפסט, איך זאָל דיר געבן. איך וועל עס פאַרגיפטן אין מיין שויס, ווייל דו האָסט מיך געוואָרפן, ווי מען וואַרפט אַ פעטן ביין פאַר אַ בייזן הונט!...

האָסט מיך נישט אין זינען געהאַט, דו אויסגעפּוצט נאַריש מענטשל...

אַ שרעקלעכע פיינלעכע נאַכט.

— ווער איז דאָ געווען? וואָס האָט מען דיר געטון? מירל, מירל, וואָס איז געשען?

דוד קניט פאַרן בעט פון זיין ווייב און וויינט אויף דעם אומגליקלעכן סוד, וואָס מירל האָט פאַרהאַקט צווישן די ציין.